שנה ד'
נומער קמ"ח
**פרשת וירא**
תשפ"ג

# קרית ברסלב בלעטל

**נייעס:**

פרישע בוי ארבעט ביים בית המדרש היכל הקודש 8 העיס קרית יואל

**דמיונות ארטיקל:**

די דמיון איז צושמעטערט אבער וואס האב איך נאכדעם אין די האנט

**א סעודה מיטן ראש ישיבה שליט"א:**

עס איז דא זיידעס וואס ווייסן נישט וואס צו טון, ווייל זייער טאטע האט זיי נישט אויסגעלערנט

# פרישע הייזער ווערט געבויעט אין קרית ברסלב ליבערטי



דער ראש ישיבה איז זיך משתתף ביי שמחת החתונה פון החתן ליפא נ"י בן מו"ה שמחה לעווי הי"ו - א' לך לך

# קריית ברסלב בלעטל


רעדאקציע:

מרדכי אינדיג, אברהם משה שטראססער, אברהם הערש וועבערמאן,
אברהם יצחק אייזנער, יחזקאל שרגא שארף, שמואל בער שניטצלער

צו באקומען די וועכנטליכע קרית ברסלב בלעטל אפגעשיקט צו אייער טיר רופט:
718.387.2691
subscribe@kerenhadfusa.org
לקבלת הקרית ברסלב בלעטל דרך הדואר בארץ ישראל התקשרו:
077-530-9648

צו אדווערטייזן אדער אריינצושיקן א מעסעדזש צו די רעדאקציע
בריוו אדער הגהות רופט: 845.379.1161

136-Huschke Rd Hurleyville NY 12747
breslevofficeliberty@gmail.com

קול ברסלב: 212.444.9191
חיזוק פאר די אידישע שטוב: 212.444.9169
BRESLEVCENTER.COM


## זמנים Liberty

פרשת וירא י"ח חשון תשפ"ג

הדלקת הנרות ......... 04:23
מוצאי שבת ............ 05:52

מנחה מעריב חיי שרה ... 05:30



בריוו פון ליינער
איבער די בחירות אין ארץ ישראל
4


צום פינטל
א מסוכן'דיגע הויז! נישט עפענען!
6


שטעטל נייעס
הערליכע שבת מיט'ן ראש ישיבה
10


היכל הקודש נייעס
בוי ארבעט אין בית המדרש היכל הקודש קרית יואל
12


מיט א טיפערן בליק
די דמיון איז צושטעטערט אבער וואס איז נאכדעם אין די האנט
13


בילדער ארכיוון
אינטערעסאנטע מאמענטן וואס איר האט מעגליך פארפאסט
42


## ברוכים הבאים!

מיט גרויס פרייד טוען מיר אויפנעמען א חשובע משפחה וואס האט זיך ארויסגעצויגן אין שטעטל

**מו"ה אשר יעקב בלום הי"ו**

**וזוגתו חי' תחי'**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן מצליח זיין אין שטעטל.

## מזל טוב!

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר א חשובע משפחה

**מו"ה משולם נחמן פינטער הי"ו**

**וזוגתו תמר תחי'**

**צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זען אסאך נחת ביי דעם קינד און ביי אלע קינדער.

## וועטער

| | | | |
|---|---|---|---|
| Fri 11 | 61°/52° | Rain |
| Sat 12 | 56°/29° | AM Light Rain |
| Sun 13 | 39°/23° | Partly Cloudy |
| Mon 14 | 41°/21° | Partly Cloudy |
| Tue 15 | 41°/22° | Mostly Sunny |
| Wed 16 | 43°/26° | Partly Cloudy |
| Thu 17 | 42°/26° | Rain/Snow Showers |
| Fri 18 | 41°/25° | PM Rain/Snow Showers |

געדענקט וואס דער הייליגער רבי זאגט
די וועטער מבינים ווייסן נישט אל"ץ ריכטיג די וועטער וואס גייט זיין
שיחות הר"ן תכ"א

## בריוו צו די
# רעדאקציע

### מוז מען טאקע נישט מוסר זאגן?

עס איז אנגעקומען צו מיר אייער מאגאזין פון פרשת לך לך, איך האב עס געליינט, איך האב הנאה געהאט צו ליינען דעם ארטיקל וואס איר האט געשריבן וועגן נח אז אנשטאט מוסר זאגן וואלט ער געדארפט מתפלל זיין אויף זיין דור, ווי אויך וואלט ער געדארפט קוקן אויף זיי גוט, עס איז א שטארקע פוינט פונעם פסיכאלאגישן שטאנדפונקט, עס איז אמת אז א מענטש ווערט ארגער ווען מען קוקט אויף אים שלעכט.

איך וויל וויסן אויב דאס איז אויסגעהאלטן על פי תורה, וואס איז מיט הוכח תוכיח את עמיתך, מען קען נישט אויסרייסן א מצוה אין די תורה, בפרט אז איר שרייבט נאך דארט אז דאס איז די וועג וואס רבי נחמן מברסלב לערנט אויס, וואו איז דער מקור אין ספרי ברסלב אז מען טאר נישט מוסר זאגן, איך וואלט מיך געפריידט צו גיין אויף די וועג, אבער איך וואלט געוואלט וויסן אויב דאס איז גענומען פון אידישע היימישע מקורות, אדער עס איז מער אזא פסיכאלאגישע וועג, וואס איז גענומען פון פרעמדע מקורות.

ח.י.ל.ל. - מאנסי יצ"ו

### ענטפער פון די רעדאקציע

דער אמת איז אז איר ווערט לערנען
די ספרים וואס מוהרא"ש
האט זי"ע



ארויסגעגעבן און בפרט די ספרים פונעם ראש ישיבה שליט"א וועט איר זען ווי אזוי מען קען מקיים דעם הוכח תוכיח את עמיתך דייקא ווען מען איז מקיים דעם אנדערן האלב פונעם פסוק ולא תשא עליו חטא, דו קענסט מוסר זאגן פאר א מענטש נאר אויב דו האסט נישט אויף אים קיין שלעכט אויג, אויב דו האלטסט נישט אז ער איז א זינדיגער מענטש.

און דאס וואס איר בעט פאר א מקור אין ספרי רבינו, קוקט אריין וואס דער הייליגער רבי שרייבט אין ליקוטי מוהר"ן צווייטע חלק סימן ח' די תורה ווערט אנגערופן ביי אנשי שלומינו די צוואה פון רבי'ן, ווייל דאס איז געווען די לעצטע תורה וואס דער רבי' האט געזאגט.

דער הייליגער רבי' שרייבט דארט מורא'דיגע ווערטער: "אפילו טאקע מוסר זאגן איז זייער א וויכטיגע זאך און עס ליגט אויף יעדן איד א חיוב מוסר צו זאגן פאר זיין חבר וואס פירט זיך נישט ווי עס דארף צו זיין אזוי ווי עס שטייט אין פסוק הוכח תוכיח את עמיתך, מיט דעם אלעם נישט יעדער איז ראוי' צו זאגן מוסר, אזוי ווי רבי עקיבא האט געזאגט (אין מסכת ערכין דף ט"ז ע"ב) איך ווינדער מיך אויב עס איז דא איינער אין די דור וואס קען זאגן מוסר".

און זאגט דארט דער הייליגער רבי' ווייטער: אויב רבי עקיבא האט עס געזאגט אין זיין דור איז אודאי און אודאי אין דעם דור, ווייל ווען דער וואס זאגט מוסר איז נישט ראוי' ער זאל זאגן מוסר, איז נישט נאר וואס עס העלפט נישט זיין מוסר זאגן, נאר ער טוט אויף פונקט פארקערט, ער מאכט א געפערליכע שלעכטע גערוך אין די נשמות פון די וואס הערן זיין מוסר, ווייל דורך זיין מוסר וועקט ער אויף די שרעקליכע שלעכטע גערוך פון די שלעכטע

מעשים און די שלעכטע מידות פון די מענטשן וואס ער זאגט מוסר, אזוי ווי עס וואלט געליגן א שטיקל אפפאל אויף א פלאץ אבער ווילאנג מען רירט עס נישט ארום, שפירט מען נישט די שלעכטע גערוך דערפון, אבער ווען מען הייבט אן ארומצוריקן מיט די אפפאל הייבט אן צו גיין א געפערליך שלעכטע גערוך דערפון, דאס זעלבע איז אויב איינער - וואס איז נישט ראוי צו זאגן מוסר - זאגט מוסר, דורכדעם וועקט ער אויף די שלעכטע גערוך פון די עבירות און די שלעכטע מעשים פון די מענטשן וועמען ער מוסר'ט, און דורך דעם שוואכט ער אפ זייערע נשמות.

און דער הייליגער רבי זאגט דארט ווייטער מורא'דיגע ווערטער: ווער קען זאגן מוסר? נאר איינער וואס קען זאגן מוסר אזוי ווי משה רבינו, ווען משה רבינו איז אראפגעקומען נאך די עגל, אנשטאט צו שרייען שקצים וכדומה האט ער אריינגעברענגט א גוטע ריח, ער האט געזאגט דער אייבערשטער האט ענק נאך אלס ליב.

קוק דארט אריין וועסטו זען ווי דער הייליגער רבי איז מסביר ווי אזוי מען דארף זאגן מוסר נאר בדרך אהבה, און געבן האפענונג פאר א מענטש.

## באדאנקט זיך פאר "א סעודה מיט'ן ראש ישיבה"

קודם וויל איך מיך באדאנקען פאר די הערליכע אויסגאבע, באמת יעדע חלק פונעם בלעטל איז הערליך שיין, איך בין שוין געווען באזארגט אז איר האט אויפגעהערט צו לייגן "א סעודה מיט'ן ראש ישיבה", אבער ברוך השם איך זע אז איר האט אנגעפאנגען נאכאמאל לייגן מיט א פרישקייט, איך האב מיך אזויפיל געלערנט דערפון, און איך לערן מיך כסדר ווי אזוי צו פירן א שבת טיש.



עס איז א זכיה פאר די וואס עסן ביי די ראש ישיבה אז זיי שרייבן אראפ יעדע פרט ופרט, אפילו אזא קליינינקייט אז דער ראש ישיבה קומט אריין און זאגט גוט שבת און עס ווערט פרייליך אין שטוב, איך האב עס נישט געזען ביי מיין שטוב, און איך וואלט עס קיינמאל נישט געוויסט, און די קליינינקייט עס געבט זיך א הייב אן מיט א "געמאכטע" פרייליכקייט אבער דאס פירט שוין די גאנצע סעודה אויף גאר א אנדערע וועג.

יואל א.

**ענטפער פון די רעדאקציע**

מיר ארבעטן שווער אויף יעדע אפטיילונג פון די בלעטל, מיר קענען ניצן חיזוק, יישר כח פאר די באמערקונגען, מיר האבן נישט געפלאנט אויפצוהערן שרייבן "די סעודה מיט'ן ראש ישיבה" עס איז פשוט נישט געווען אפגעשריבן א פרישע סעודה צוליב די ימים טובים וואס איז געווען, מיר האפן ווייטער ממשיך צו זיין מיט דעם, אויך ארבעטן מיר אויף אפאר נייע זאכן, מיר האפן צו מאכן די בלעטל שענער און שענער אם ירצה השם.

## די שיטה פון מוהרא"ש זי"ע לגבי די בחירות אין מדינת ישראל

איך ווייס נישט צו דא איז די פלאץ אריינצולייגן די ווערטער, אבער איך האב געטראכט איך וועל עס אייך שיקן און אויב איר טראכט אז עס איז פאסיג וועט עס זיין א זכות הרבים.

איך האב באקומען א שיינע קונטרס וואס עס איז ארויסגעגעבן געווארן דורך די יונגעלייט תלמידי היכל הקודש ברסלב, תלמידים פון מוהרא"ש זי"ע וועגן די בחירות אין ארץ ישראל, עס איז מיר געווען א שטארקע חידוש, נישט אז איך האב געטראכט אז מוהרא"ש זי"ע איז געווען בעד די בחירות, אבער אזוי ווי יעדע זאך זענען געווען א סאך רבי'ס וואס האבן נישט גערעדט דערפון, זיי האבן נישט גענומען קיין שטעלונג אין דעם ענין, דער רבי זי"ע פון סאטמאר איז טאקע געווען זייער ברוגז אויף די אלע, וואס הייסט ביסט נייטראל אין אזא

הייקעלע נושא.

איך האב הנאה געהאט צו זען ווי שארף מוהרא"ש האט געשריבן איינס ביי איינס בריוון וועגן די געוואלדיגע גרויסע איסור פון זיך משתתף זיין אין די בחירות, די קונטרס איז באמת א געוואלדיגע קידוש שם שמים, בפרט אז דער פאטער פונעם מוהרא"ש דער טאקייער רב זי"ע איז געווען א תלמיד פון הייליגן סאטמאר רבי זי"ע און ער איז געווען ראש ישיבה אין ארץ ישראל אויף דעם סאטמאר ישיבה, האב איך זייער הנאה געהאט אז יעצט לקראת די בחירות האט מען פארשפרייט די הייליגע ווערטער פון אייער גרויסן מנהיג פון חסידי ברסלב, נאכן אפשרייבן די ווערטער צו אייך האב איך געזען די קונטרס "עצתו אמונה" פונעם ראש ישיבה שליט"א פון פרשת לך לך, ווי ער שרייבט פאר די תלמידים אין ארץ ישראל אז זיי זאלן חס ושלום נישט האבן קיין שייכות מיט די מלכות המינים און נישט גיין שטימען דארט.

כה לחי גייט אן מיט אייער הייליגע ארבעט.

מ. נ. ז. - קרית יואל

## אפענע בריוו פונעם מנהל שליט"א צו די בחורים פון ארץ ישראל

לכבוד אלע בחורי חמד תלמידי היכל הקודש בארץ הקודש הע"י.

דער ראש ישיבה האט מיר געזאגט זייער קלאר דעם שבת, ער וויל די בחורים פון ארץ ישראל זאלן נישט קומען קיין אמעריקע, און דאס וואס ער זאגט אז מען זאל נישט קומען איז נישט קיין מניעות... עס איז פשוט דער ראש ישיבה זאגט אז די גאנצע הפצה אין ארץ ישראל איז ממש ווי אפגעשטעלט, מען גייט נישט קיין הפצה, עס טוט זייער וויי פארן ראש ישיבה, ווייל און ארץ ישראל איז דאך אלעס לײדער אידן און מען קען גיין לאורכה ולרוחבה פון לאנד און מען קען אלע צוריקברענגען צום אייבערשטן.

דער ראש ישיבה האט מיר געזאגט שבת אינדערפרי פארן דאווענען אין בית המדרש אשר בנחל בזה הלשון: די גאנצע הפצה און ארץ ישראל איז אפגעשטעלט, אפילו די וואס גייען יא גייען נאר צו די פרייע געגענטער, און עס איז דא גאנצעטע חסידות'ער וואס עס איז אלעס דא, בתי מדרשים, תלמוד תורה'ס כוללים, אבער לײדער איז עס לײדיג עס איז נישט דא קיין אמונה, מען קען צוריקברענגען גאנץ כלל ישראל צום אייבערשטן אויב מען וועט גיין הפצה.

הערט אויף מיט די צודרייטעווארט "מניעות", מניעות איז דא אויף איין זאך, עס איז דא גוטע פיינע פרישע מניעות אויף גיין הפצה, נו אוודאי איז גרינגער צו קומען קיין אמעריקע אין זיצן אונטער דעם ראש ישיבה'ס פארטוך, אין די צייט וואס עס ברענט א פייער.

דער ראש ישיבה וויל זייער יעדער בחור, יעדער יונגערמאן זאל גיין הפצה, און בעיקר בעיקר ביי די פרומע, ביי די חרדישע אריינברענגען אין זיי אז עס איז דא א באשעפער אויף דער וועלט, אז עס איז דא האפענונג.

יישר כח

אברהם משה שטראססער - קרית ברסלב

## די תמימות פון די קינדער

איך האב געהאט אן אינטערעסאנטע מעשה אין תלמוד תורה היכל הקודש קרית יואל, מען האט געמאכט א גורל און איך האב געפרעגט די קינדער וואס זיי זאגן, ווען מען זאל מאכן די גורל, שוין יעצט, אדער אפשר ביי לאנטש, אדער גאר שפעטער פאר מען גייט אהיים, אפאר קינדער האבן געזאגט מען זאל שוין מאכן די גורל, איין קינד האט זיך אנגערופן זייער א אינטערעסאנטע זאך "די קינדער וואס זאגן מען זאל יעצט מאכן די גורל זענען נישט קלוג, איך וויל מען זאל מאכן ווי שפעטער די גורל, ווייל אזוי האב איך נאך אסאך צייט צו בעטן דעם אייבערשטן אז איך זאל געווונען".

איך שרייב דאס ווייל ס'האט מיר זייער באנומען צו זעהן די תמימות פון די קינדער וואס לעבן מיטן אייבערשטן אפילו ווען מען מאכט א גורל.

יואל פריעדלענדער - קרית יואל



# צום פינטל

# א מסוכנ'דיגע הויז! נישט עפענען!

**ערשטע טייל**

איך ווייס נישט פארוואס, אבער די ווערטער: "קיינער זאל נישט טראכטן פון עפענען דעם הויז, ווייל דאס איז א זיכערע טויט! אויב "איך" וועל עס עפענען איז עס בכלל נישט מסוכן, הגם איך קען נישט צוזאגן אז איך וועל זיי קענען ארויסנעמען, אבער מיט די ערפארונג וואס איך האב פון אלע יארן ביז איך פארזיכערט אז איך קען עפענען די הויז פארזיכערטערהייט".

די ווערטער - וואס האבן אויבן אויף עפעס נישט קיין באזונדערע באדייט - האבן מיך אנגעהויבן מאכן זייער שלעכט שפירן, עס האט אנגעהויבן עפעס מאנען אין מיר, עס איז עפעס ווערטער וואס איז וויכטיג פאר מיר אין מיין לעבן, עס איז ווערטער וואס איך דארף ניצן, אבער ווי, וואס, ווען?

איך האב געפילט ווי די ווערטער מאנען עפעס גאר שטארק און טיף פון מיר, אבער איך האב נישט געוויסט פארוואס, וואס דאס דארף באדייטן פאר מיר אין מיין פערזענליכע לעבן, פארוואס ווער איך אזוי אויס מענטש ווען איך הער דאס?

***

איך האב געהאנדלט מיט מיין חבר אין פארשידענע אינוועסטמענטס דא אין געגנט, עס איז מיר אויסגעקומען צו הערן אינטערעסאנטע זאכן איבער פארשידענע אינוועסטמענטס וואס ער האט געמאכט אין די לעצטע יארן.

איך האב געוויסט אז ער פרובירט צו אינוועסטירן ווי עס לאזט זיך נאר, ער גייט אויף אוקשענס, ער טאנצט אריין, ער קויפט פראפערטיס ער קויפט הייזער פאר אינוועסטמענטס, אין איינע פון די שמועסן איז מיר אויסגעקומען אים אויסצופרעגן איבער זיין ערפארונג, אינטערעסאנטע זאכן וואס ער האט געהאט זייט ער ארבעט אין דעם ליין, ער האט מיר דערציילט פארשידענע אינטערעסאנטע עפיזאדן וואס ער האט געהאט.

פון די אינטערעסאנטע זענען געווען איינמאל ביי א אוקשין, ער האט אריינגעגעבן א בי"ד אויף א פראפערטי וואס איז געווען פארקלויזט ביי די באנק, ער איז געווען זיכער אז עס גייט אריינקומען העכערע בי"ד'ס, און ביני לביני וועט ער איבערקוקן פון וואס עס רעדט זיך דא. ער איז ארויסגעגאנגען פון אפיס ממש פאר א פאר מינוט, ווען ער איז צוריקגעקומען, נאך פאר וואס ווי ווען האט ער געזען אז קיינער האט נישט געבידט אויף א העכערע פרייז, און עס איז געבליבן ביי אים, יענע פראפערטי איז געווען אין ניו דזשורסי, גראדע דארט האט זיך עס אויסגעשטעלט צו זיין א שטארקע פארדינסט.

נאך א זאך וואס ער האט מיר דערציילט, איינמאל איז ער אראפגעקומען צום אוקשן און געטראפן אז עס געווען דארט נאך א איד, יענע מאל האט ער נישט געהעכערט די פרייז, ער זאגט מיר איך האב געטראכט: "ווער זאגט אז צדקה איז אז מען מוז קויפן און אינוועסטירן און נאכדעם געבן מעשר, אפשר קען מען לכתחילה אריבער... לאזן א איד געווינען דעם בי"ד" א מתן בסתר.

איך האב אים געבעטן ער זאל מיר דערציילן וואס עס איז געווען זיין ערגסטע אינוועסטמענט, ער האט מיר געזאגט דאס איז געווען ווען ער איז אריין אין א דיעל וואס - אויבן אויף - האט עס אויסגעזען ווי א גאלדן גרוב, עס איז געווען אין א אנדערע סטעיט, דארט האט ער געטראכט פון קויפן און עס גראד דערנאך פליפן, עס איז געווען אויף די מארקעט גאר א ביליגע הויז אין יוטא, (נישט יוטא... נו עס איז דא איינע פון די שטאטן אין אמעריקע וואס הייסט "יוטא") מיט איין בליק האט ער געזען עס איז נישט דא וואס צו דערלייגן, א גוטע געגנט, אזא ביליגע פרייז זעט מען נישט דארט אין די גאנצע מארקעט, א צוויי פעמילי הויז, אפילו מען וועט דארפן אריינלייגן געלט איבערצומאכן די אפלויף סיסטעם - די סוער און די וואסער וכדומה וועט לויט



דעם ביליגן פרייז זיך עס נאכאלץ האבן געלוינט, אומר ועושה א דרוק מיטן קנעפל און נאך יענעם טאג איז דאס הויז געווען זיינס, עס איז געווען פאר אים א פארנומענע סעזאן דעמאלטס, ער האט זיך נישט געאיילט אריינצוקוקן אינעם דעיל, אבער ווען ער האט זיך אראפגעזעצט איבערקוקן די מציאה וואס עס איז אים אריינגעפאלן, איז אים שווארץ געווארן פאר די אויגן, און ווי מער ער האט אריינגעקוקט דערין האט ער געזען אז ער האט אריינגעביסן אין א דעיל וואס עס איז נישט אויסצושפייען און נישט אראפצושלינגען.

עס איז שוין זיין הויז, ער מוז צאלן פראפערטי טעקס, און יעצט איז אים הוברר הדבר למפרע פארוואס די הויז איז געווען אויפן מארקעט פאר אזא ביליגע פרייז.

ניטאמאל לוינט א טריפ אהין צו גיין באזוכן דעם הויז ווען אלע רעקארדס זענען אפען, פשוט אין פראסט אראפגעפלאשט געלט, און וואס ער זאל וועלן יעצט טון וועט ער ווייטער פלאשן נאך און נאך געלט אין מיסט אריין, עס האט זיך אויסגעשטעלט אז די הויז האט באלאנגט יארן לאנג צו א הערפאטאלידזשיסט, (אלע ציין האט ער זיך צובראכן מיר איבערצוזאגן דעם פענסי ווארט הער-פא-טאלע-דזשיסט) דאס איז איינער וואס שטודירט שלענג און עקדיסן, ער האט דארט געוואוינט אסאך יארן, ער האט איבערגעלאזט זיין הויז און אפגעטראגן פון דארט איבערלאזענדיג אונטער זיך א אוצר פון אלע סארטן גיפטיגע שלענג, חוץ די פאקט אז די הויז איז א געפארפולער, קומט נאך צו דעם פאקט אז רוב פון די שלענג זענען אומלעגאל צו האדעווען. דער אלטער בעל הבית פונעם הויז האט זיך דערזען מיט דעם פראבלעם, האט ער געכאפט פיס און אנטלאפן, די מארטגעדש איז נישט געצאלט געווארן, איז עס אטאמאטיש געגאנגען צו די באנק, ווער עס האט געוויסט פון דעם הויז צו זאגן איז געשטאנען ווייט דערפון, איך - זאגט מיר מיין חבר - וואס איך האב נישט צופיל אריינגעקוקט דערין, איך בין אריינגעפאלן, הבור ריק אין בו מים אבל נחשים ועקרבים יש בו...

איך האב אים געפרעגט צו ער איז עס געגאנגען אמאל קוקן, פשוט פאר אינטערעסאנטקייט אפשר איז דא א וועג עס אויסצורייניגן, זאגט ער מיר: "איך וועל דיר זאגן דעם אמת, איך בין אהינגעגאנגען מיט עקספערטן, זיי האבן מורא געהאט אריינצוגיין, די שלענג האבן ממש איינגענומען דאס גאנצע פלאץ עס איז אוממעגליך צו טון עפעס דערוועגן, ווייל עס גייט אריין אין א גאנצע לעגאלע פראצעדור, דו דארפסט אפזיצן מיט לויערס אויסארבעטן יעדע מין שלאנג צו מען מעג עס הרג'ענען, ממש ווי איך האב דיר געזאגט אריינגעפאלן לשם אריינגעפאלן".

דער איינציגסטער וואס וואלט געקענט העלפן איז דער אלטער בעלעבאס, ער ווייסט וויאזוי צו עפענען די הויז אן געשעדיגט ווערן, ער קען זיך אויס פונקטליך מיט יעדן סארט שלאנג וויאזוי מען באהאנדלט עס, איך האב גערעדט מיט אים שוין אפאר מאל אויפן טעלעפאן ער האט מסכים געווען צו קומען מיט איין תנאי, אז אויב ער קומט מוז עס זיין בסוד סודות, מען טאר נישט געוואויר ווערן אז ער איז דא, ער ציטערט פון די שטראפן פון די פולע געזעצן וואס ער האט פארלעצט מיטן האדעווען אומלעגאל די שלענג...

איך האב אים געזאגט אז איך קען אויסארבעטן אלע דעטאלן ווי אזוי ער קען קומען אן דעם וואס איינער זאל וויסן.

די שפיל ביז אהער האט מיר שוין אפגעקאסט א אפותיקי, איך בין אים גרייט געווען צו צאלן אז ער זאל עפענען די טיר און צאמנעמען אלע שלענג און זיי באהאנדלן, איך האב אים געבעטן ער זאל כאטש אריבערקומען זען וואס די אפציעס זענען דא.

די ווערטער וואס איך האב געהערט פון אים איינמאל און נאכאמאל און נאכאמאל ווי ער האט מיך געווארנט: "קיינער זאל נישט טראכטן פון עפענען דעם הויז, ווייל דאס איז א זיכערע טויט! אז איך וועל עס עפענען איז עס בכלל נישט מסוכן, הגם איך קען נישט צוזאגן אז איך וועל זיי קענען ארויסנעמען, אבער מיט די ערפארונג וואס איך האב פון אלע יארן ביז איך פארזיכערט אז איך קען עס עפענען" - מיין חבר דערציילט מיר: "דאס פראזע האב איך געהערט פון אים יעדעס מאל וואס מיר האבן געשמועסט פון די צרה\הויז וואס איך האב מיך איינגעקויפט".

די וועג ווי אזוי מיין חבר האט מיר עס נאכגעזאגט אזוי ווארט ביי ווארט ווי אזוי ער האט עס געהערט פון יענעם נו... פונעם הערפאטאלעדזשיסט, ער האט אים נאכגעמאכט מיטן דיקן אמעריקאנער רעדנע"ק אקצענט, האט מיך אריינגעווארפן אין א טראכטן מאו"ד.

איך ווייס נישט פארוואס, אבער די ווערטער "קיינער זאל נישט טראכטן פון עפענען דעם הויז, ווייל דאס איז א זיכערע טויט! אז איך וועל עס עפענען איז עס בכלל נישט מסוכן, הגם איך קען נישט צוזאגן אז איך וועל זיי קענען ארויסנעמען, אבער מיט די ערפארונג וואס איך האב פון אלע יארן ביז איך פארזיכערט אז איך קען עס עפענען".

די ווערטער - וואס האבן אויבן אויף עפעס נישט קיין באזונדערע באדייט - האבן מיך אנגעהויבן מאכן זייער שלעכט שפירן, עס האבן אנגעהויבן עפעס מאנען אין מיר, עס איז עפעס ווערטער וואס איז וויכטיג פאר מיר אין מיין לעבן, עס איז ווערטער וואס איך דארף ניצן, אבער ווי, וואס, ווען?

איך האב געפילט ווי די ווערטער מאנען עפעס פון מיר, אבער איך האב נישט געוויסט פארוואס, און וואס דאס דארף באדייטען פאר מיר, פארוואס ווער איך אזוי אויס מענטש ווען איך הער דאס?

פארזעצונג קומט אי"ה

# שטעטל נייעס

## פרישע הייזער ווערט געבויעט אין שטעטל



אין אלע זייטן פונעם שטעטל בויעט מען יעצט פרישע הייזער פאר אנשי שלומינו וואס ווארטן אין די רייע זיך ארויסצוציען אין שטעטל און אויך קענען וואוינען אין אזא הייליגע פלאץ וואס איז ארומגענומען מיט'ן אייבערשטן'ס נאטור, מיט גראז און ביימער, און עס איז אזוי געאייגענט צו שפאצירן און רעדן צום אייבערשטן ווען אימער.

אין די יעצטיגע טעג בויעט מען צוויי פרישע הייזער אויף די האשקי גאס, נאך איין הויז אויף די שטיגליץ גאס, עס איז דא נאך איין לאט אויף שטיגליץ וואס מען האט שוין געשניטן די ביימער צו מאכן גרייט פאר נאך א הויז אבער עס ווארט נאך אויף די פערמיטן פון די שטאט צו קענען אנפאנגען בויען.

אויך בויעט מען פרישע הייזער אויף רעדקליף ווי עס איז באקאנט מיטן נאמען די "פארם לאט" ווייל עס איז דארט געווען א פארם, עס איז א ריזיגע שטח פון פערציג עיקר, יעצט בויעט מען דארט פיר פרישע הייזער, עס איז אין פלאן צו בויען דארט נאך אסאך מער הייזער, אין די קומענדיגע שטיק צייט.

ווי אויך בויעט מען יעצט א פרישע געגענט פון אסאך הייזער וואס וועט זיין צו פארדינגען, דאס ווערט געבויט אויף טווין ברידזש הארט נעבן די אכט הייזער וואס איז געבויעט געווארן לעצטע יאר, מען האט שוין געגאסן די יסודות פאר אלע הייזער ברוך השם, און איין הויז האט מען שוין אנגעהויבן די פרעימינג.

פארגאנגענעם פרייטאג ערב שבת לך לך איז דער ראש ישיבה אריבערגאנגען צום שטח פון טווין ברידזש און פון רעדקליף צוזאמען מיטן בויער מו"ה שבתי מזרחי הי"ו, און איבערגעגאנגען אלע פרטים וויאזוי עס גייט געבויעט ווערן און וויפיל הייזער עס גייט האבן אין זיך, דער ראש ישיבה האט געזאגט אז ער וויל האבן א גרויסער בית המדרש פאר די איינוואוינער פון דעם געגענט אויף טווין ברידזש, ווייל די בית המדרש וואס איז יעצט דא - בית המדרש "עצתו אמונה" איז שוין ברוך השם אויסגעוואקסן, דער ראש ישיבה איז איבערגעגאנגען אלע פרטים ווי גרויס דער בית המדרש זאל זיין און וואס עס זאל אלץ האבן אין זיך.

אויך האט דער ראש ישיבה געמאלדן אז דער נייער גאס אריין פון דעם נייעם געגענט אויף טווין ברידזש וועט טראגן דעם נאמען "ירושלים" און דער בית המדרש וועט הייסן "בית המדרש היכל הקודש ירושלים".

מען האפט צו בויען נאך פרישע הייזער בקרוב, עס ווענדט זיך אלץ אין די תפילות פון אנשי שלומינו אז די שטאט זאל לאזן בויען אויף אלע שטחים וואס מען האט שוין געקויפט, און אויך זאל מען קענען אפקויפן נאך שטחים.

## פרישע אויסוואל פון ספרים צו באקומען ביי קרן הדפסה היכל הקודש




קרן הדפסה היכל הקודש ברענגט כסדר אריין פרישע ספרים, לויט די פארלאנג פון אנשי שלומינו, אויסער דעם וואס מען דרוקט די פילע קונטרסים און ספרים, זוכט מען ווי

<<<<

מען קען ברענגען נאך פילע ספרים.

פאלגענד זענען די פרישע ספרים וואס מען האט לעצטענס אריינגעברענגט:

החוט המשולש. דאס איז א ספר איז משולב דער הייליגער ספר "ליקוטי מוהר"ן" צוזאמען מיט די "קיצור ליקוטי מוהר"ן" וואס דער הייליגער רבי נתן האט געשריבן, ארויסגענומען די תמצית פון די תורה, און דערויף די תפילה וואס געהער צו די תורה פון "ליקוטי הלכות", ווי דער רבי האט זיך אויסגעדרוקט אז ער וויל אז מיר זאלן מאכן פון זיינע תורות תפילות, וואס דערויף האט רבי נתן געשריבן א תפילה אויף די תורות פון הייליגן רבי'ן, ווי מען בעט דעם אייבערשטן מען זאל קענען פאלגן די עצות וואס דער הייליגער רבי ברענגט אין די תורה. מוהרא"ש זי"ע שרייבט אין אשר בנחל אז הלוואי זאל איינער קומען און מאכן א ספר וואס זאל צוזאם ברענגען די אלע דריי ספרים, אז מען זאל קענען לערנען ליקוטי מוהר"ן צוזמען מיטן קיצור ליקוטי מוהר"ן און דערויף זאגן די תפלה.







היט דיינע אויגן. א קונטרס געשריבן דורך מוהרא"ש זי"ע וואס רעדט איבער די גרויסקייט פון זיך היטן די אויגן, און עצות און חיזוק ווי צו קענען האבן ריינע אויגן

אוצר לבחורי ישיבה. א ספר ווי עס איז צוזאמגענומען 15 הערליכע קונטרסים וואס מוהרא"ש זי"ע האט געשריבן פאר בחורים און תלמידי הישיבה. דער ספר אנטהאלט די פאלגענדע קונטרסים: 1. סדר הישיבה 2. בחור ישיבה 3. דרך לבחור ישיבה 4. עצות לבחור ישיבה 5. הצלחה לבחור ישיבה 6. עצה לבחור 7. להיות בחור מוצלח 8. חיזוק לבחור 9. דרך לבחור 10. סדר לבחור 11. התחזקות לבחור 12. התעוררות לבחור 13. מעלת בחור 14. בחור חכם 15. בחור חזק.







When Darkness Falls. א קונטרס פון מוהרא"ש זי"ע אויף ענגליש וואס איז מחזק און מעודד א מענטש ווען ער גייט איבער א קריזיס אין לעבן, און געבט עצות וויאזוי מען קען ארויסקריכן.

Wait A Second. א הערליכע קונטרס אויף ענגליש געשריבן דורך מוהרא"ש זי"ע וואס רעדט איבערדעם אז די עצה מצליח צו זיין איז קונה צו זיין געדולד-סבלנות, און עצות וויאזוי מען קען ווערן א געדולדיגער מענטש.

ספר שיחות וסיפורים. א ספר געשריבן דורך מוהרא"ש זי"ע מיט אסאך שיינע מעשיות און סיפורים פון הייליגן רבי'ן און זיינע תלמידים, אזוי אויך פילע מעשיות פון צדיקים און תלמידי בעל שם טוב הק' וואס מ'קען דערפון ארויסנעמען למעשה וויאזוי צו דינען דעם אייבערשטן. וואס מוהרא"ש האט מקבל געווען פון חסידי ברסלב פון פריערדיגן דור.

סעט ספרי רבינו. א סעט פון 8 בענדער פון רבינ'ס ספרים, הערליך ניי איבערגעדרוקט דורך מכון אור הנחל. דער סעט אנטהאלט • ספר המידות • סיפורי מעשיות • שיחות הר"ן • חיי מוהר"ן • ליקוטי תפילות • ליקוטי עצות • עלים לתרופה • השתפכות הנפש ומשיבת נפש. אלעס געדרוקט מיט שיינע לעכטיגע אותיות אויף א גוטע פאפיר.




צדיק מה פעל. א ספר געשריבן דורכן באגאבטן בעל מספר הרב דן כהן, וואס אנטהאלט א שלל פון גאר אינטערעסאנטע מעשיות און סיפורים פון מוהרא"ש זי"ע.

דאס אלעס קען מען באקומען ביים קרן הדפסה 718-387-2691 אדער אויף ברסלב סענטער.

<<<<

## א הערליכער שבת אין שטעטל מיט'ן ראש ישיבה שליט"א



די אנגייענדע ארבעט אויף רעדקליף ווערט געזען פון די הייעך

א הערליכער שבת לך לך איז פאריבער פאר אנשי שלומינו אין קרית ברסלב מיט'ן באזוך פונעם ראש ישיבה שליט"א, די באזוך איז געווען א אומגעראכטענע באזוך, די איינוואוינער האבן נישט געוויסט אז דער ראש ישיבה גייט זיין דא אויף שבת, ביי יעדע תפילה איז דער ראש ישיבה געגאנגען צו א אנדערן בית המדרש דאווענען כדי צו מחזק זיין די מתפללים פון דעם בית המדרש.

מיר ווען אראפברענגען די ווערטער פונעם ראש ישיבה שליט"א וואס האט אראפגעשריבן דעם שבת אין קורצן.

די וואך שבת בין איך געווען אין שטעטל, איך בין זיך געפארן אפרוען; ברוך ה' איך שפיר זיך שוין בעסער. זיין א שבת אין שטעטל מיט אנשי שלומינו - הייליג אויס.

עס איז געווען א שטילער שבת, עס איז נישט געווען קיין אנלויפעניש, איך האב נישט געדארפט פארוויס אז איך גיי דארט זיין, איך האב זיך געוואלט אביסל אפרוען.

איך וועל דיר אביסל שרייבן פונעם שיינעם שבת מיט אנשי שלומינו. פרייטאג נאכמיטאג גלייך ביים אנקומען בין איך געגאנגען קוקן די נייע צוויי געגנטער וואס מיר בויען יעצט פאר אנשי שלומינו. איין געגענט אויף טווין ברידזש; דארט וועט זיין איבער דרייסיג דירות מיט א שול און א מקוה, די דירות איז נישט צום פארקויפן, די דירות איז צו דינגען; די פרייזן וועלן זיין זייער ביליג, א דאלער א סקווער פיס, שיינע הערליכע ליכטיגע דירות, מיר האפן אז די דירות וועלן שוין זיין פארטיג אויף דעם קומענדיגן פסח, און אלע וואס ווילן דינגען א דירה אין די נייע געגענט זאלן זיך מעלדן ווי פריער ביי מיר.

אויך בין איך געגאנגען קוקן די צווייטע נייע געגענט אויף די גלאס רעד קליף, דארט וועלן זיין פופצן הייזער. די הייזער זענען צו פארקויפן, ווער עס וויל קויפן א הויז זאל זיך מעלדן ווי פריער.

פרייטאג צו נאכטס בין איך געגאנגען דאווענען אינעם בית המדרש פעולת הצדיק. איך בין געפארן ביים זמן מיט א קאר; מיט א קאר נעמט צו פארן פון מיין שטוב צוויי מינוט, גיין צו פיס נעמט כמעט א שעה. עס איז געווען זייער געשמאק, א קליין מנין פון א מנין מתפללים, מיט אזא אחדות. איך האב זיך דערמאנט ווי אזוי עס האט אויסגעזען פאר צוואנציג יאר צוריק אין וויליאמסבורג אין היכל הקודש. פאר צוואנציג יאר צוריק ווען איך בין מקורב געווארן האט אזוי אויסגעזען אין וויליאמסבורג היכל הקודש, קוים א מנין פון צען, יעדע תפילה פלעגט מען ווארטן אויף א צענטער. פון איין זייט איז געווען אביסל שווער דאס ווארטן אויף מנין, אבער די ליבשאפט און אחדות, די תמימות און פשוט'קייט - דאס איז א זאך וואס איך קען נישט פארגעסן, פונקט אזוי האט זיך געשפירט דארט.

עס איז געווען א שיינע וועטער, איך האב צוריק געוואקט מיט מיינע קינדער און מיט נאך אפאר אינגעלייט, א וועג פון כמעט א שעה. עס האט זיך נישט געשפירט ווי א לאנגער וועג, ווייל אז מען גייט מיט אנשי שלומינו, מען רעדט פון רבי'ן, מען רעדט פון מעשיות פון תפילה - פארגעסט מען פון אלעם, מען שפירט ווי מען שפאצירט אין גן עדן.

פרייטאג צו נאכטס נאכן סעודה זענען זיך צאמגעקומען אנשי שלומינו, מען האט געזינגען זמירות און געשמועסט שיינע זאכן אויף די פרשת השבוע.

שבת אינדערפרי בין איך געגאנגען דאווענען אין בית המדרש אשר בנחל, א האלבע שעה אוועק פון מיין שטוב. איך האב זייער הנאה געהאט צו דאווענען דארט, עס איז זייער א שיינע געשמאקע שול, אלע זענען דארט פרייליך, האברך משולם פינטער האט געגעבן א נאמען פאר זיין נייע געבוירענע מיידל.

ביי ספורי מעשיות האבן מיר גערעדט פונעם תם (ספורי מעשיות, מעשה ט) וואס האט באקומען פונעם

<<<<

בעל שם קמיעות און שמירות, האָט ער זיך שוין מער נישט דערשראָקן ווען דער טייוול האָט געשיקט נאָך אים; דאָס צענען די ספרים פון רבי'ן וואָס איז מחזק און מעודד, ווער עס לערנט דעם רבי'נס ספרים ווערט מער נישט דערשראָקן פון קיין שום זאַך אויף די וועלט.

איינער פון די אינגעלייט האָבן געוויזן אַ בריוו וואָס ער האָט באַקומען צוויי יאָר צוריק ווען ער איז אַריבער שווערע ביטערע נסיונות, ער האָט נישט געהאַט קיין פרוטה אין שטוב, זיין ווייב פלעגט פאַרשעמט ווערן אין גראָסערי נאָכן דאַרפן איבערלאָזן דעם גאַנצן וואָגן מיט עסן ווען די קאַרטל האָט נישט געאַרבעט, און די בריוו האָט אים מחזק געווען, ער זאָל נישט אויפגעבן און נישט האָבן קיין קשיות אויפ'ן אייבערשטן, די בריוו האָט אים זייער געשטאַרקט, ביז ער איז שוין אַרויס פון די נסיון.

מיר האָבן גערעדט פון די קמיע וואָס מוהרא"ש האָט אונז געגעבן, די קמיע איז נישט מער ווי מוהרא"ש'ס נאָמען; אַז דאָס היט דעם מענטש. אַז מען דערמאָנט זיך פון מוהרא"ש דערמאָנט מען זיך פון רבי'ן, דערמאָנט מען זיך פונעם אייבערשטן. מוהרא"ש האָט צו אונז גערעדט טאָג און נאַכט נאָר פון רבי'ן און פון אייבערשטן, דאָס איז די קמיע וואָס דער בעל שם האָט געגעבן דעם תם, און דאָס האָט אים באַרואיגט. און אַז מיר וועלן זיך פירן בתמימות, מיר וועלן אַריינקוקן אין די בריוו, אין די ספרים און קונטרסים - וועלן מיר נישט מורא האָבן פון קיין שום זאַך.

שבת נאָכמיטאָג בין איך געגאַנגען מיט מיינע קינדער צום בית המדרש עצתו אמונה, אַ וועג פון אַ שעה. ביי שלש סעודות האָבן מיר גערעדט פון די פרשה (בראשית יב, א): "וַיֹּאמֶר ה' אֶל אַבְרָם לֶךְ לְךָ" דער אייבערשטער זאָגט פאַר יעדן איד: 'גיי צו דיר, קוק אויף דיר, לעב מיט דיר; מאַך נישט נאָך אַ צווייטן, דין דעם אייבערשטן אויף דיין וועג'; דער אייבערשטער פאַרלאַנגט נישט מען זאָל נאָכמאַכן אַ צווייטן, נאָר יעדער איינער זאָל טון לויט זיין נקודה. אַזוי ווי דער הייליגער רבי זושא האָט געזאָגט: "אויבן וועט מען מיך נישט פאַרהאַלטן פאַרוואָס איך בין נישט געווען אַזאַ צדיק אַזוי ווי מיין ברודער דער הייליגער רבי אלימלך זכותו יגן עלינו, מען וועט מיך פאַרהאַלטן לויט מיר אַליינס".

יעדער איד האָט אין זיך אַ שיינע זאַך וואָס דער צווייטער האָט נישט; יעדער האָט אַ נקודה וואָס איז נישטאַ אין קיינעם. דער רבי זאָגט (לקוטי מוהר"ן חלק א', סימן לד): "כִּי יֵשׁ בְּכָל אֶחָד מִיִּשְׂרָאֵל דָּבָר יָקָר מַה שֶּׁאֵין בַּחֲבֵרוֹ, כְּמַעֲשֶׂה דְּאַבַּיֵּי וְאַבָּא אֻמָּנָא, שֶׁהֵשִׁיבוּ לוֹ: לָא מָצִית לְמֶעֱבַד כְּעֻבְדָּא דְּאַבָּא אֻמָּנָא", יעדער מענטש האָט אין זיך אַ נקודה וואָס אַ צווייטער האָט נישט; דער רבי ברענגט אַראָפּ די מעשה וואָס חכמינו זכרונם לברכה דערציילן (תענית כא:) עס איז געווען אַ דאָקטער וואָס האָט געהייסן אַבאַ אומנאַ, ער פלעגט באַקומען יעדן טאָג אַ בת קול פון הימל: "שָׁלוֹם עָלֶיךָ אַבָּא אוּמְנָא"; אַביי פלעגט באַקומען נאָר איין מאָל אַ וואָך אַ גריס פון הימל - יעדע ערב שבת, ער פלעגט הערן אַ בת קול: "שָׁלוֹם עָלֶיךָ אַבַּיֵּי"; רבאַ פלעגט באַקומען נאָר איין מאָל אַ יאָר דעם בת קול, יעדן ערב יום כיפור פלעגט ער הערן: "שָׁלוֹם עָלֶיךָ רָבָא"; זאָגט די גמרא אַז אַביי האָט געהאַט חלישות הדעת פאַרוואָס דער פשוט'ער דאָקטער באַקומט יעדן טאָג אַ בת קול און ער באַקומט דאָס נאָר איינמאָל אַ וואָך, האָט מען אים געענטפערט פון הימל: "לָא מָצִית לְמֶעֱבַד כְּעֻבְדָּא דְּאַבָּא אֻמָּנָא", דו קענסט נישט טון וואָס אַבאַ אומנאַ טוט; דערפאַר איז נישט שייך צו קוקן אויף אַ צווייטן און מקנא זיין אַ צווייטן, ווייל יעדער האָט זיין נקודה וואָס דער אייבערשטער האָט הנאה פון דעם, און פאַר דעם איז ער באַשאַפן געוואָרן.

ביים סוף בריוו ענדיגט דער ראש ישיבה שליט"א: היינט איז ביי אונז אין שטאָט אַביסל איבערגעדרייט, די שטאָט איז צעטיילט אין צוויי, מען לויפט; דאָס דערמאָנט אונז ווי גליקליך מיר זענען, אנו רצים והם רצים, וואו לויפן מיר? מיר לויפן צום אייבערשטן; דאָס איז די איינציגסטע פלאַץ וואו מען קען אַנטלויפן, מען קען זיך באַהאַלטן; דורך גיין התבודדות, בעטן דעם אייבערשטן אויף יעדע פרט ופרט.

איך דאַרף באַצאָלן די וואָך פאַר איינעם אַ חוב, איך וויל וויסן אויב דו קענסט מיר באָרגן עפעס געלט ביז פורים הבאַ עלינו לטובה; לאָז מיר וויסן, וועסטו האָבן אַ חלק אין בויען קהילת היכל הקודש. דער אייבערשטער זאָל העלפן זאָלסט האָבן הצלחה אין אַלע ענינים.

## היכל הקודש
# נייעס

קרית יואל

### בוי ארבעט אין בית המדרש היכל הקודש קרית יואל




פאראגאנגענעם שבת קודש, ווען אנשי שלומינו זענען געקומען דאווענען האט זיי ענטפאנגען א געשמאקע איבעראשונג. מען האט געזען אז די פאקטישע בוי ארבעט צו פארברייטערן און איבערפרישן דעם בית המדרש האט זיך שוין ברוך השם אנגעהויבן.

דער בית המדרש היכל הקודש אין קרית יואל געפונט זיך שוין דארט פאר לאנגע יארן צום גוטן, ווען הרה"ח ר' אברהם חיים פאקאש שליט"א האט אראפגענומען איינע פון די דירות וואס ער פלעגט פארדינגען און עס מנדב געווען אז אנשי שלומינו אין קרית יואל זאלן האבן א ווינקל ווי מען קען זיך צוזאם נעמען און הערן די ווערטער פון הייליגן רבי'ן. מען האט עס דאן שיין איבערגעבויעט און איינגעריכט פארן בית המדרש.

אזוי גייט שוין דער בית המדרש אן צום גוטן פאר לאנגע יארן ווען מען דאווענט איניינעם אלע תפילות שבת קודש און ימים טובים, און ווערט געפירט דורכן געטריישן גבאי מו"ה יואל פאקאש שליט"א וואס גיט איבער יעדן שבת קודש ביי סיפורי מעשיות און שלש סעודות די ווערטער פון הייליגן רבי'ן ווי ער האט עס מקבל געווען פון מוהרא"ש זי"ע.

אין די לעצטע האלבע יאר איז צוגעקומען די וועכנטליכע "עצתו אמונה פארברענג" יעדע דינסטאג נאכט וואס ציעט צו זיך פילע אנשי שלומינו וואס קומען זיך צוזאם, מען לערנט אינעם הייליגן ספר "פעולת הצדיק" ווי מוהרא"ש זי"ע פארציילט די געשיכטע פון הייליגן רבי'ן וויאזוי ער איז געווארן א צדיק, מען לערנט "אשר בנחל" און "עצתו אמונה" און מען נעמט ארויס דערפון עצות וויאזוי אויך מיר קענען ווערן ערליכע אידן, דערנאך פארציילן אנשי שלומינו מעשיות פון תפילה, און מעשיות פון הפצה, וואס פלאמט אויף די הערצער צו רעדן צום אייבערשטן, און צו פארגינען פאר נאך א איד זאל וויסן פון די הייליגע עצות.

אויסערדעם וואס די צאל באי בית המדרש ווערט ב"ה כסדר פארמערט, און מען מוז נויטיג פארגרעסערן דער בית המדרש, איז שוין דער בית המדרש שטארק אפגענוצט געווארן נאך אזוי פיל יאר וואס מען נוצט עס כסדר. יעצט האט זיך ברוך השם פארמירט א וועד עסקנים וואס נעמען צוזאם נדבות פון אנשי שלומינו וואס קויפן זכותים אין בית המדרש. עטליכע זכותים זענען נאך אוועליבל, מען קען זיך ווענדן צו מו"ה נתנאל פארקאש הי"ו אויף 845-665-4889 צו האבן די זכי' און נעמען א חלק און אויפהאלטן דעם בית המקדש מעט.

פאלגענד זענען די פרייזן און די זכותים:

שער בית המדרש $3,000<br>
טיילס $2,400<br>
זעכציג בענקלעך $6,000 (פארקויפט)<br>
שער עזרת נשים $1,000<br>
קאווע שטיבל $950<br>
א יאר קאווע $1,250<br>
א יאר מזונות פאר קידוש $2,500 (פארקויפט)<br>
פלאר $850<br>
סינק $500<br>
פענסטער $850<br>
פלאמבינג מאטריאל $1,100<br>
קאנסטראקשען מאטריאל $1,400<br>
עלעקטריק מאטריאל $1,050<br>
פעינטן $1,500<br>
סקרעיפן $1,200<br>
פלאמבינג ארבעט $1,500<br>
קאנסטראקשען ארבעט $1,600 (פארקויפט)<br>
עלעקטריק ארבעט $1,500<br>
פרעימינג $1,000<br>
טאוול אינדרויסן פון ביהמ"ד $1,000 (פארקויפט)



# די דמיון איז צושמעטערט!

## אבער וואס האב איך נאכדעם אין די האנט

ישראל דוד העסקעל

די מח ארבעט א מחיה, מ'קען זיך צומאכן די אויגן און פליען ביז סעקונדעס צו אלע עקן פון די וועלט. אין מוח קויפט מען ריזיגע בילדינגס מיט די טייערסטע זייגערס, די דרייוווסט א ריזיגע פענסי שמענסי קאר, אלע קוקן ווען דו פארסט דורך, דו קומסט אריין צו א מיטינג מיט א הערליכע אנצוג און דו פארפירסט... דו זעצט אויפן טיש אלע ווילן הערן דיין דעה... אלעס זיצט שטיל מיט דרך ארץ, פלוצלונג קומט אריין איין מחוצף און נעמט זיך האקן און זעצן מיט קוואדערס און שרייט עפעס וועגן א חתן... ארץ ישראל... אה א סעקונדע וואו בין איך?! קודם געב איך א מאך מיט די האנט אז איך האב נישט... (איך בין דאך אויך אן עני ואביון מגוזלו...) נאכדעם געב איך שנעל א קוק וואו דער בעל תפילה האלט, שוין אינמיטן ובא לציון, מ'טוט שוין אן רבינו תם... און נאך א מינוט איז די גאנצע דמיון צו-ווארפן. אנשטאט די שיינע קאר וואס איך האב נארוואס פארמאגט, טרעף איך מיך צוריק מיט מיין אלטן דשעלאַפי, איך לויף שנעל זיכן א שטיקל סקאטש טעיפ צוזאם צו האלטן מיין גלעזער, און ווייל די עלעוועיטער איז צובראכן שוין איבער צוויי חדשים גיי איך מיך יעצט ארויף שלעפן פינף שטאק סטעפס צו מיין פיצי איינס אין א האלב בעדרום אפארטמענט...

יא, דאס איז די דמיון, ס'עקזעסטירט פאר אביסל, דערנאך וועקט מען זיך אויף צו די ריעלעטי און מ'פרובירט אנצוגיין ווייטער אין לעבן.

מ'זאגט נאך א ווערטל, אז אמאל אין רוסלאנד זענען חב"ד'סקע חסידים געזעצן ביי א פארברענג, און ביי זיי איז טרינקען משקה א גרויסער ענין, הגם ביי אונז האט דער רבי קלאר געווארנט אז מיר זאלן נישט טרינקען קיין משקה המשכר, דאך אין חב"ד טרינקט מען יא... בקיצור, די משקה ביי די פארברענג האט זיך אויסגענוצט, ס'שפעט אינמיטן די נאכט, וואו טרעפט מען יעצט נאך משקה?

איין חסיד איז ארויסגעלאפן אויף די גאס זוכן אויב ער קען עפעס טרעפן, ער לויפט אזוי צוויי גאסן פלוצלינג באמערקט ער איוואן דער שיכור וואלגערט זיך אויף דער ערד מיט א פלאש וואדקע! ער לויפט צו צו אים און הייבט אן פארהאנדלען מיט אים, דער שיכור זאגט אים קלאר: "ניט דא פון וואס צו רעדן, די פלעשל איז ניט צום פארקויפן!"

דער חסיד הייבט זיך אן בעטן: "אפשר דאך, פאר אסאך געלט..." אבער דער שיכור וויל פון גארנישט הערן... דער חסיד זעהט ער האט נישט קיין ברירה, זאגט ער אים: "אויב געבסטו אהער די פלאש געב איך דיר א גאנצע הויז דא אין דארף!!!"

ענטפערט אים איוואן דער שיכור: "אויב געב איך דיר נישט דער פלאש וועט באלד גאנץ מאסקעווע זיין מיינס!!!"



אזוי איז עס דער רבש"ע האט אונז באשאפן מיט א כח הדמיון, אז ביז סעקונדעס קענען מיר זיין אלעס און האבן אלעס, און אויך ביז אפאר סעקונדעס שפעטער אלעס פארלירן, די שאלה איז נאר וואס פאסירט נאכן דמיון.

ביי מיר איז אויך געווען א דמיון, נישט איינס, נאר אסאך...

איך בין ב"ה מקורב געווארן דעם זומער נאכן טרעפן די אויסטערלישע שיעורים פון דער ראש ישיבה, און נאכן הערן עטליכע שיעורים האב איך מחליט געווען אז דא וויל איך זיין, דאס איז מיין פלאץ און אויף דעם וועג וויל איך ערציען מיינע קינדער. אין דעם פלאץ איז מען מכבד און מחזק תורה, אין דעם פלאץ איז מען מקרב אנשטאט אוועקשטופן, דא איז אמת אן ארטיקל, דא זארגט מען זיך איינער פאר די צווייטער דער פלאץ איז "מיין פלאץ".

פארשטייט זיך אז איינע פון די ערשטע זאכן וואס איך האב געוואלט איז געווען האבן א פערזענלעכער קשר מיטן ראש ישיבה. א קלייניקייט?! דער ראש ישיבה האט דאך געראטעוועט מיין לעבן! מיר געגעבן חיי נצחי אנשטאט חיי (מיתת) שעה, מיך געגעבן א וועג צום לעבן, די שכל פון רבי'ן, פון ר' נתן און מוהרא"ש ז"ל, אויפגעלעבט מיין גאנצע לעבן און מיין שטוב אין אזא קורצע צייט.

איך האב דעמאלט נאכנישט געקענט קיינער וואס "געהערט" אין היכל הקודש, די גאנצע פלאץ איז געווען ווילד פרעמד פאר מיר, איך האב געוואוסט איין זאך, איך האב געטראפן א מורה דרך, איינער וואס געבט מיר לעבן, איינער וואס באגלייט מיר אויף מיינע נסיונות און איז מיר מחזק ווען איך פאל, איך מוז אנקומען צו אים.

אין די דמיון און אין חלום האט עס אויסגעקוקט אזוי: "איך באקום דער ראש ישיבה'ס פאון נאמבער... איך רוף אן דער ראש ישיבה, און ער האט וועלטס צייט פאר מיר, ער פרייט זיך אזוי שטארק צו מיר, ער איז אזוי גליקליך אז איך האב אים געקלונגען.

איך פארצייל אים מיין גאנצע לעבנ'ס געשיכטע און מיין סיפור התקרבות, און ער הערט מיר אויס מיט הלל'ס געדולד, ער איז מיר מחזק און געבט מיר עצות, אויך לאכט ער אויף מיינע דשאוקס און פון היינט און ווייטער איז עס מיר מיט די ראש ישיבה עקסקלוסיוו!

אין מיין דמיון איז נישט געווען קיין ישיבה, נישט קיין קהילה, נישט קיין מוסדות, נישט קיין הונדערטער תלמידים, נישט קיין שווערע קעיסעס וכו'... איר מיינט אוודאי אז דא האט זיך דמיון אפגעשטעלט?!

אך! איך האב מיר געגרייט צו פארן קיין אמעריקע אויף סוכות. אין קאפ איז עס געווען געהעריג מסודר, אזוי ווי איך לאנד פאר איך גלייך צו די סקילמאן גאס הערן די שיעורים פון דער ראש ישיבה און שמועסן שיחות חברים מיט אנשי שלומינו, איך קום יעדן טאג אין ישיבה, איך פארפעל נישט קיין תפילה אדער שיעור... דער ראש ישיבה וועט זיך אוודאי פרייען צו מיר... דער עולם וועט זיצן אין שמועסן צוזאמען פון אמונה און עצות פון רבי'ן, אא"וו.

און ווער רעדט נאך פון די שיינע יום טוב'דיגע דאווענען און שיעורים, איך קען עס קלאר זעהן, די ביהמ"ד איז געפאקט אבער איך האב מיר מיין פלאץ סמוך ונראה צום ראש ישיבה, די דאווענען איז פיל מיט כוונה, די ניגונים זינגען זיך א מחיה, איך לערן מיין ח"י פרקים משניות און איינער קלאפט מיר אין רוקן און זאגט מיר: "אהה א מורא'דיג שיין... די וויפילטע מאל? פששש מורא'דיג...

איך האב מיך שוין געזען זיצן אין סוכה, איך מיט דער ראש ישיבה, אונז פארפירן אזעלכע שיינע שמועסן, מ'זינגט ווארימע ניגונים, ס'שפירט זיך אזוי הויך און דערהויבן...

אין מיין דמיון האב איך גענצליך פארגעסן פון מיין משפחה, פארגעסן אז איך בין געקומען צו מיינע עלטערן אין בארא פארק אויף יו"ט, פארגעסן פון מיינע אחריות'ן.

און פון די אנדערע זייט פארגעסן אז דער ראש ישיבה האט א לעבן, ער האט נאך דאגות חוץ פון מיר מיט מיינע דמיונות... ער האט נאך הונדערטער תלמידים וואס קומען צו אים, איינער מיט א פעקל צרות, איינער גאר מיט חיזוק, א צווייטער מיט גאר א וויכטיגע נושא וואס ער מוז דורכשמועסן...

חוץ פון דער ראש ישיבה'ס אייגענע סדר היום, זיינע שיעורים וואס ער געבט, דא קומט דער רבי'ס יארצייט און באלד קומט שוין הושענא רבה, און ווער רעדט נאך פון שמחת תורה, אין אזא קהילה וואו יעדער האט שייכות מיט די תורה, וואו יעדער האט געענדיגט די תורה, דאס נעמט דאך כוחות הנפש אלעס צו פראווענען, אבער אין מיין דמיון האב איך פולע קאנטראל און גארנישט עקזעסטירט נישט, נישט קיין רבי'ס יארצייט, נישט קיין דף שיעור, נישט קיין ראש ישיבה'ס סדר היום וכו', בלויז איך מיט מיינע באדערפענישן און מיט מיינע




רעיונות.

און דער עיקר האב איך נאך דעמאלטס נישט געכאפט אז היכל הקודש איז נישט קיין פלאץ ווי מען גייט זיך מיט דיר אפגעבן אויף א וועג פון זיך אוועק זעצן מיט דיר און רעדן שעות אויף שעות אויסהערן דיינע אלטע מעשיות און דיר מחזק זיין אויף ווייטער, היכל הקודש טיילט מען שכל אז דו ווילסט קענסט עס ניצן נישט קיין חילוק וואו אויף דער וועלט דו ביזט און דאס איז עס.

למעשה בין איך אנגעקומען דאנערשטאג א טאג נאך יום כיפור. איך בין אנגעקומען אין בארא פארק בערך 11 אזייגער ביינאכט, אזוי האב איך שוין פארפאסט די ערשטע דאנערשטאג שיעור פון ווען איך בין אנגעקומען על אדמת אמעריקע...

אבער זארגט נישט מיין דמיון קען עס דערהייבן...

מיין דמיון האט מיר שוין פארציילט אז אט אט גייען מיר שוין אויף וויליאמסבורג און ס'גייט זיין א מחיה!

א דערוויל... איז דאך אויך דא א ריעלעטי, אזוי ווי מ'וועקט זיך אויף פון די דמיון...

ס'איז פרייטאג! איך בין אויסגע'הרג'עט פון די נסיעה, איך קען פארגעסן פון דאווענען היינט אין וויליאמסבורג מיט'ן ראש ישיבה, קוים געהאט צייט צו דאווענען אין בארא פארק און זיך גרייטן פאר שבת...

מיין קאפ האט אזוי געבאמבערט אז מיין דמיון איז געווען גענצליך פארלאשן...

אט ווערט שוין שבת און איך טרעף מיך שפאצירן א וועג פון א האלבע שעה צו די בארא פארק'ער בית המדרש היכל הקודש. איך פרוביר אויסצונוצן די צייט און ארויסשעפשן אפאר ווערטער צום אייבערשטן, און פאר וואס און וואו טראגן מיר מיינע האלב שלאפעדיגע פוס אראפ די דריי שטיגן און איך טרעף מיר אין בית מדרש...

די גבאי הרב מנשה איצקאוויטש ענפאנגט מיר מיט א ברייטע שלום עליכם! (מיר האבן זיך שוין געהאט געטראפן אין אומאן) און איז מיר גאר ווארעם מקרב, דערנאך האב איך מיך באקענט מיט נאך אפאר ידידים, מיר האבן זיך ווארעם באגריסט און מ'שטעלט זיך שוין דאווענען. אוי ווי איך בענק מיר בשעת'ן שרייבן די שורות צו יענער קליינער, פשוטער, אבער ווארימע דאווענען, די לכה דודי... די טענצל נאכן דאווענען, די שמייכלען וואס באשיינט יעדנ'ס פנים צוגלייך, די ווארימע גוט שבת, און אזוי ווי דער ראש ישיבה בעט אלעמאל נישט צו פארברענגען די צייט נאכן דאווענען אין ביהמ"ד נאר גלייך אהיימגיין - טרעף איך מיך ווידער שפאצירן די לאנגע וועג אהיים אויף די ליידיגע בארא פארק'ער גאסן, איך טאנץ מיך אזוי אונטער ווען קיינער זעט נישט...

איך דאנק דעם אייבערשטן אויף אלע חסדים וואס ער טוט מיר, בפרט אז ער האט מיך מקרב געווען צו היכל הקודש וואו איך האב א ראש ישיבה וואס ווייזט מיר ווי אזוי צו לעבן מיט'ן אייבערשטן און זיין פרייליך אלעמאל.

איך דערמאן מיך יעצט, גלייך אנפאנג ווען איך בין מקורב געווארן האב איך אזוי געבענקט צו קענען זיין נעבן דער ראש ישיבה, נעבן אנשי שלומינו, אבער איך וואוין הונדערטער מייל אוועק פון דער ראש ישיבה, און איך האב דעמאלט נאך נישט געוואוסט פון די לאנדאן'ער חבורה, איך בין געווען אליין. האב איך פונקט דעמאלט געהערט ביי איינע פון די שיעורים פון דער ראש ישיבה, ווי דער ראש ישיבה האט גערעדט וועגן די וואס ווילן אבער קענען נישט וואוינען אין שטעטל, אז נישט קיין חילוק ווי אין די וועלט מ'איז קען מען איבעראל זיין אין שטעטל, מאך דיר צו די אויגן און מאך שטעטל ביי דיר... די זעלבע האב איך געטון, איך בין געשטאנען פרייטאג צו נאכטס ביי לכה דודי, און "מיין" ביהמ"ד האט זיך פלוצלינג אנגעהויבן שפירן פרעמד פאר מיר, איך האב מיך צוגעמאכט די אויגן און געזען ווי צוויי בענק פארנט פון מיר זיצט דער ראש ישיבה ארומגענומען מיט אנשי שלומינו און פלוצלינג ווער איך פריילך, איך שפיר ווי איך בין אינדערהיים די קאלטע ביהמ"ד ווערט ווארעם, א מחיה דמיון!

אזוי ארבעט די דמיון טאג און נאכט אויף אלע פראנטן ביז זי ווערט איינגאנצן צושמעטערט עווענטועל... מ'פארציילט אז אמאל איז עפעס א רבי'לע פון ארץ ישראל געקומען קיין אמעריקע אין די חגאות סעזאן, און אזוי פארענדיג אויף די אמעריקאנער גאסן זאגט ער פאר זיין גבאי: "די לעמפלעך וואס מ'האט געהאנגען פאר מיר איבעראל מילא, אבער פארוואס האט מען געהאנגען בילדער פון אים מיט א רויטע היטל?..."

עניוועי... צוריק צום שבת קודש. שבת צופרי האט הרב מנשה פארגעלערנט בטוב טעם שיחות הר"ן פארן דאווענען, דערנאך האט מען זיך געשטעלט דאווענען מיט א ברען, נאכן דאווענען ביים קידוש האט הרב אהרן קליטניק פארגעלערנט ספורי מעשיות, די מעשה פון די חיגר, מ'האט

ארויסגענומען אזוי פיל התחזקות פון די מעשה פון רבי'ן, און מיר זענען צוריק אהיים. אויפן וועג אהיים האב איך געהאלטן אין איין בעטן דעם אייבערשטן אז איך זאל זוכה זיין צו קענען זיין אביסל [אסאך] ביים ראש ישיבה און זיך קענען גוט אנגרייטן און אנווארעמען פאר די לאנגע קאלטע ווינטער וואס קומט.

שלש סעודת איז ווייטער געווען זייער געשמאק און דערהויבן ס'איז געווען הערליכע דיבורים און התחזקות מ'האט געזונגען ווארימע ניגונים... און וואס נענטער ס'ווערט צו מוצאי שבת, הייבט מיין דמיון אן ארבייטן וואס וועט זיין מיט מלוה מלכה? דער ראש ישיבה פירט בכלל? מיין מוח איז געפלויגן 700 מייל א שעה, איך זעה מיך שוין אויפן וועג צוריק... ס'איז אזוי פיין געווען ענד עווריבאדי ליווד העפפעלי עווער עפטער...

תכלית, נאך מעריב פרעג איך ארום אין שול אויב דער ראש ישיבה פירט בכלל? און אויב יא ווען און וואו? די תשובות זענען אלע געווען כמעט אייניג "איך ווייס נישט"... איינער זאגט מיר טעקסט דער ראש ישיבה אפשר... איך שטיי פארלוירן נאך א דמיון צושאסן אויף פיץ פיצלעך...

איז איך לאז מיר אין וועג אריין צוריק אהיים צוזאמען מיטן באשעפער.

ערב יו"ט איז גאר שנעל פארביי געפלויגן, אין אזא טאג קומט דאך זיכער נישט אין באטראכט צו פארברענגען, אפילו די דמיון איז פארנומען, מ'קען טאפן די לופט אז אט קומט שוין סוכות מ'גייט שוין באלד זיצן בצילא דמהמניתא ארום געגונען מיטן אייבערשטן. מ'ענדיגט צו די לעצטע הכנות און פאר וואס און וואו בין איך שוין ווייטער אויפן וועג אין שוהל... מיין מויל שמועסט מיט'ן אייבערשטן און בעהט איין תפילה נאכן צווייטן, אבער מיין מח שטורעמט, ס'גייט זיין סוכות, ביסט קוים צוואנציג מינוט צו פארן קיין וויליאמסבורג, מיין הארץ בענקט, מיינע פיס ווילן זיך נעמען לויפן, איך וויל דאך אזוי שטארק זיין ביי די הלל און נענועים און ביי די שיעורים צו קענען הערן די חיזוק און רייכע שמועסן... און איך טראכט אזוי צו מיר, שוין חול המועד וועל איך שוין מאכן זיכער נישט צו פארפאסן קיין איין תפילה און שיעור...

אזוי שפאצירנדיג אויף די בארא פארקער גאסן (וואו איך בין אויפגעוואקסן) באמערק איך אז די פלאץ איז נשתנה צורה, וואו עס איז נאר דא א קליין אלטע הייזקע ווארפט מען עס אראפ און מ'נעמט זיך בויען פיתום ורעמסס, געהעריג א גרויסע בנין, ס'קענען וואוינען דארט עטליכע משפחות. איך טראכט צו מיר אזוי ווי דער ראש ישיבה האט געזאגט, אז ווען מ'פארט אמאל אין וועג בייאנכט און מ'זעט די ריזיגע בנינים מיט לעמפלעך און מ'קען זיך אנהייבן דמיונען ווי פריילך די מענטשן זענען אין די גרויסע מעכטיגע בילדינגס... זאגט דער ראש ישיבה, לאז דיך נישט נארן, געדענק אז יעדער לעמפל איז נאך א צרה, אין יעדער אפיס זיצט א צווייטער מיט זיין פעקל צרות.

דער ווארט א קאורט קעיס, דער האט א ביזנעס וואס זעהט שוין נישט קיין פעני פראפיט פאר אפאר חדשים, נישט דא וואס צו מקנה זיין... און איך טראכט אזוי צו מיר: "וויפיל בלוט און שווייס זענען אריין אין די אלע "נייע" "געהעריגע" "שיינע" הייזער, וויפיל עגמת נפש ליגט אין יעדע דירה עקסטער... און אין ניינציג יאר ארום קומט א גרויסער שוויצער, א חכם מחוכם מיט א הארטע גלעע היטל און פסק'נט נע! ווער דארף די אלטע נאריש געבויטע קליינע בנינים, ער ברענגט א טרעקטאר און ביז אפאר טעג בלייבט א גל של עצמות, ווייל יעצט גייט מען בויען "געהעריג", וחוזר חלילה...

דאס איז די וועלט, א גרויסער באבל, א דמיון, "כחלום יעוף", אויב נעמסטו דיין ענערגיע און דו טוסט מצות און מעשים טובים האסטו עפעס אויפגעטון, און אויב נישט, האב איך גרויס רחמנות אויף דיר! מיט וואס קומסטו ארויף נאך דיין מאה ועשרים? מיט א בילדינג וואס האלט שוין אינמיטן ווערן איינגעווארפן? מיט א ביזנעס וואס דיינע קינדער



באנקראטירן? די אלע מיט וועמען דו האסט דיך אזוי ביטערליך צוקריגט זענען היינט דיינע מחותנים! אויב האסטו נישט אויסגענוצט די צייט, ביסטו נישט ווערד די מצבה העכער דיין קאפ...

אזוי פליען מיינע געדאנקען, און ווידער טרעף איך מיך אין ביהמ"ד, א ווארעמקייט נעמט יעדן ארום, מ'הייבט אן מנחה און נאכדעם מעריב, אהההה... ברכו... אה מחיה! נאכן דאווענען לאזט מען זיך ארויס אין א פריילעכע טענצל לכבוד יו"ט, אתה בחרתנו מכל העמים - א קליינקייט?! מיך וויל דער אייבערשטער! איך בין דער אויסדערוועלטער! מיר וואונטשן זיך ווארעם גוט יום טוב און איך גיי מיר צוריק אהיים דעם לאנגן וועג...

די ערשטע טעג זענען הערליך אריבער אנגעפילט מיט התבודדות, שמחה, תפילה, שיחות חברים, שיינע שמועסן און לימוד התורה.

מוצאי ערשטע טעג האב איך ווייטער געוואלט אנקומען קיין וויליאמסבורג זיין אביסל ביי דער ראש ישיבה, אבער מ'האט מיר געזאגט אז לכאורה פראוועט נישט דער ראש ישיבה היינט נאכט... האב איך מיך געזעצט לערנען אביסל.

שפעטער ביינאכט האב איך געוואלט גיין זעהן איינע פון די גרויסע רעבישע סוכות אין בארא פארק, איך בין אנגעקומען נאך מ'האט שוין געענדיגט דעם טיש, איך האב באטראכט די שיינע סוכה, נאכדעם בין איך אריין אין די שוהל, דער עולם האט דארט געטאנצן בשעת דער רבי שטייט אין די זייט און קוקט זיך צו. איך שטיי דארט און טראכט אזוי צו מיר זעענדיג ווי יעדער וואס גייט דורך דער רבי כאפט אזא התלהבות, אז זיי זאגן אז אונז זענען א קולט... (נישטא ווער זאל לאכן...)

איך בין זיך געגאנגען לייגן שלאפן האפנדיג צו קענען זיין ביי שחרית אין וויליאמסבורג מיט דער ראש ישיבה. אבער צופרי האב איך געזען אז אויב וועל איך גיין קיין וויליאמסבורג וועל איך נישט האבן גענוג צייט ארויסצונעמען מיינע קינדער... בין איך ווייטער געבליבן אין בארא פארק און זיך צוגעמאכט די אויגן ביי די נענועים און געפלויגן קיין וויליאמסבורג צו זיין מיט'ן ראש ישיבה (כאטש אין מיין דמיון).

יענע נאכט איז געווען דער רבי'ס יארצייט און ענדליך האב איך מיך ברוך השם געזען אויפן וועג קיין וויליאמסבורג צו קענען מיטהאלטן די גרויסע יארצייט ביי דער ראש ישיבה. איך בין אנגעקומען ביים דף שיעור, אזוי ווי איך זעץ מיך אוועק זאגט מיר דער ראש ישיבה: "שלום עליכם, ביסט אוודאי געקומען צום רבינ'ס יארצייט, זאלסט וויסן אז דאס איז די חשובסטע זאך ביים רבי'ן א דף גמרא, נעם די תורה דאס איז די בעסטע זאך!" - מיין גאנצע נסיעה האט זיך שוין אויסגעצאלט.

נאכן דף שיעור האט דער ראש ישיבה געזאגט ווי חשוב שידוכים איז ביי אים, און אז די פארגאנגענע יאר זענען פערציג פראצענט פון די ישיבה געווארן חתנים און ער האפט אז קומענדיגע יאר זאלן אלע בחורים ווערן חתנים!!!

נאכדעם האט מען זיך געוואשן צו די סעודות הילולא אין די סוכה. דער ראש ישיבה האט פארגעזינגען דעם שיינעם שיר ידידות, פיוטים מיוסד אויפ'ן א' ב' אויף אלעס וואס דער רבי געבט אונז. דער ראש ישיבה האט געגעבן גאר א פייערדיגע דרשה נאכדעם, וואס האט אין יעדן אריינגעבלאזן הויפענעס פון חיזוק און הדרכה. שפעטער האט מען געבענטשט און זיך געלאזט אין א טאנץ לכבוד שמחת בית השואבה.

די נעקסטע טאג דאנערשטאג האב איך ווייטער געוואלט אריינפארן דאווענען מיט דער ראש ישיבה אין וויליאמסבורג, אבער עס איז נישט געווען פראקטיש, האב איך בלית ברירה געדאווענט אין בארא פארק נעבן מיין אכסניא, און פארברענגט די טאג מיט מיין משפחה און געהאפט אז אפשר ביינאכט וועל איך עפעס קענען מיטהאלטן... למעשה האט יענער נאכט גערעגנט און ס'נישט געווען אויף וואס צו פארן...

פרייטאג בין איך געפארן קיין מאנסי וואו איך בין געווען שבת, איך האב געדאווענט אין די נעטסטער חסידישער שטיבל צו



ווי איך בין איינגעשטאנען (אביסל ארויס פון מאנסי), איך האב געהאט אסאך צייט צו קענען לערנען דארט שיעורים כסדרן און שפאצירן און רעדן צום אייבערשטן.
שבת נאכמיטאג בין איך געזעצן אין מיין ווינקל אין ביהמ"ד מיט מיין משניות'ל און אן ארטסקרול גמרא, און נעבן מיר הער איך אונטער א קופקע חסידישע אינגעלייט וואס האבן געפלוידערט בערך א שעה א האלב ביז מנחה, און מ'האט דארט דורך געטון די חורבן פון ארטסקרול אז מ'לערנט מער נישט מיט די צורת הדף און מ'לאזט אויס רש"י'ס... שפעטער האט איין אינגערמאן ארויסגעברענגט אז זיין קהילה האט א מורא'דיגע סיסטעם צו לערנען וואס איז א דבר השוה לכל נפש, ס'איז אזוי גוט אויסגעארבעט אז עטליכע טעג לערנט מען און עטליכע טעג חזר'ט מען און נאכדעם איז דא א בחינה, מ'טיילט פרסים ס'ממש מורא'דיג אז יעדער איינער בלי שום יוצא מן הכלל זאל דאס קענען מיטהאלטן... פרעגט אים דארט איינער וואס איז אזוי נתפעל געווארן פון דער אויסנאם סיסטעם: "וועלכע מסכתא לערנט מען יעצט?, ענטפערט דער יונגערמאן: "איך ווייס נישט!!!"... א ביטערע געלעכטער... דערווייל פארט פרקים משניות, עטליכע בלאט גמרא, א גן עדן התחתון (איך מיין אז די קופקע לויפט נאך ביז יעצט מיט מחאות אדירות אויף די ריכטיגע וועג ווי אזוי מ'דארף בעצם לערנען - רחמנא יצילנו).
מוצאי שבת איז געווען מיין פלאן זיך ארויסצולאזן גראד אין שטאט אז איך זאל נאך קענען מיטהאלטן משנה תורה און די סעודה ביי דער ראש ישיבה, אבער דער אייבערשטער האט אנדערש געוואלט און איך בין געבליבן אויף משנה תורה אין מאנסי.
נאך משנה תורה בין איך געזעצן מיט מיין משניות און ארייננעכאפט פרקים. פאר איך וויל אהיימגיין קומט צו צו מיר איינע פון די חשובע אידן פון שוהל וואס ווייסט אז איך בין מקורב געווארן צום ראש ישיבה, און הייבט מיך אן אריינגעבן: "וואס איז מיט דיר? האסטו פארלוירן דיין דעת? אזא פלאץ? ה' ירחם!"... בשעת ער האט גערעדט זיינע דברי כיבושין קומט צו א יונגערמאן און פרעגט יענעם ווער איך בין, ווייל ער האט אזוי געשטוינט ווי יעדע ליידיגע מינוט בין איך געזעצן מיט א משניות און געלערנט...
נאכדעם זאגט מיך יענער אז די פלאץ איז אזוי אפגעפרעגט, אז פונקט פריער האט איינער דערמאנט עפעס פון די פלאץ און מ'האט עס אזוי בארעדט!!!

איך טראכט צו מיר, ווער? יענע חברה לצים? זיי האבן דעות אויף צדיקים? אויף אונזער הייליגע דרך הלימוד? פון זיי דארף איך הערן סברות וואס זיי האלטן? אבער איך האב געפאלגט דער ראש ישיבה און געהאלטן מיין מויל פארמאכט די גאנצע צייט און גארנישט געענטפערט.
איך בין אנגעקומען אין בארא פארק שפעט ביינאכט און זיך שנעל געלייגט שלאפן צו קענען אויפשטיין פרי הושענא רבה צו קענען פארן קיין וויליאמסבורג דאווענען מיט דער ראש ישיבה.
אויפצומארגנס בין איך טאקע אויפגעשטאנען פרי, געלאפן אין מקוה און זיך געלאזט אין וועג קיין





ווילאמסבורג. איך בין אנגעקומען פרי ב"ה, איך האב נאך געהאט צייט אריינצוכאפן אפאר פרקים משניות איידער מ'האט זיך געשטעלט דאווענען.

דער ראש ישיבה האט אנגעהויבן דאס דאווענען אויף די ימים נוראים'דיגע נוסח כנהוג, מיט אן אויסטערלישן ווארעמקייט און השתפכות הנפש, ס'האט אריינגעבלאזן א רוח החיים און יעדן איינעם.

די הלל און נענועים זענען געווען אזוי דערהויבן און לעכטיג און פריילך, אז מיין דמיון האט עס אפילו נישט געקענט משיג זיין... יעדער סעקונדע איז געווען מעין עולם הבא!

נאך הלל האט דער ראש ישיבה אויפגעטראטן מיט ווארימע ווערטער, אזוי אויך נאך יעדער הקפה, וואו דער ראש ישיבה האט מחזק און מעורר געווען און געמאנט, דער ראש ישיבה האט געבעטן אז יעדער זאל זען עס זאל נישט דורכגיין א טאג אן תורה, און מ'זאל כסדר רעדן צום אייבערשטן און דאנקען דעם אייבערשטן, און אז יעדער זאל זיך אונטערנעמען קבלות טובות אויף די נייע יאר.

דער ראש ישיבה האט געזאגט אז הרה"ק מסאטמאר פלעגט אויף רעדן צו די ווייבער שוהל, און דער ראש ישיבה האט גערעדט צו די פרויען זיי זאלן זיך האלטן שטארק אויף עניני צניעות, מ'זאל נישט פרובירן נאכצומאכן דעם גוי, דער גוי האט אויסגע'רצח'ט אונזער פאלק און איז גרייט יעדן מינוט אונז נאכאמאל אויסצו'הרג'ענען ח"ו, דער גוי וויל דיך באגראבן, הער אים אויף צו וועלן געפעלן!

אויך האט דער ראש ישיבה גערעדט וועגן טעכנאלאגיע, אז מ'דארף פאלגן צדיקים מיט תמימות און פשיטות ווייל נאר צוליב די תמימות און פשיטות און מסירות נפש וואס אונזערע זיידעס האבן געהאט ווען די רבנים האבן זיי אויפגעפאדערט אויף טעלעוויזיע און אויף די דעמאלטסדיגע נסיונות, נאר אין זייער זכות שטייען מיר היינט דא.

אזוי ווייטער ביי יעדער הקפה האט דער ראש געגעבן שטארקע חיזוק און הדרכה פאר די לאנגע ווינטער וואס קומט, ס'געווען ממש מחיה נפשות.

נאכן דאווענען איז דער עולם דורכגעגאנגען זאגן גוט יו"ט פאר דער ראש ישיבה, און איך בין צוריק געפארן קיין בארא פארק.

ס'שוין געווען שפעט איך האב שנעל געגעסן די סעודה און זיך געגאנגען גרייטן אויף יו"ט.

ווייטער טרעף איך מיך שפאצירן דעם לאנגן וועג אין שול, און מיינע געדאנקען לאזן נישט רוען, זיין שמחת תורה אין אמעריקע אין נישט זיין ביי דער ראש ישיבה? מיין הארץ האט אזוי אנגעהויבן בענקען, און מיין דמיון איז אזוי געפלויגן, איך האב געענצליך פארגעסן וואו איך בין. איך האב מיך געזען אין ווילאמסבורג ביי דער ראש ישיבה אין ביהמ"ד, יעדער טאנצט און פריידט זיך אזוי מיט תורה, און אזוי ווי מיינע מחשבות לויפן, שפיר איך ווי מיין האנט דרייט א קלאמקע פון א טיר... יא איך בין שוין אנגעקומען און שוהל די דמיון איז אוועק כאבק פורח...

ב"ה מיר האבן געהאט די זכיה צו האבן מיט אונז אין בארא פארק דעם דיין שליט"א אויף יו"ט. די דיין האט געדאווענט פארן עמוד, ס'געווען א שיינע ווארימע דאווענען, נאכן דאווענען האט מען געטאנצן הקפות מיט אזא אויסטערלישע שמחה, די דיין האט כסדר מעורר געווען אז יעדער זאל טאנצן און שפרינגען לכבוד התורה.

צווישן די הקפות האט מען געזינגען ווארימע התעוררות'דיגע ניגונים, ניגונים פון דער ראש ישיבה, דער דיין האט פארגעזינגען די פיוטים און די שמחה איז געווען אויסטערליש. שמיני עצרת בייטאג האמיר געהאט הערליכע תפילות. איך האב זוכה געווען מסיים צו זיין ששה סדרי משנה. שפעטער נאכמיטאג האב געליינט די ארטיקל פון ר' אברהם משה ווי אזוי די שטעטל האט זיך געפארעמט, און צווישן די שורות האט ער געשריבן אז א מענטש דארף זיך לאזן פירן פונעם אייבערשטן אזוי ווי מ'איז אין א טוב אויפן וואסער און מ'לאזט זיך פירן פון די וואסער. אויפן וועג אין שוהל צו מנחה האב איך געטראכט אז ס'קען זיין אז דאס איז די הקפות, מ'נעמט די תורה און מ'גייט אין די רינג און מ'לאזט זיך פירן, מ'ווייזט פארן אייבערשטן אז איך געב זיך אינגאנצן איבער פאר דיר, דו פיר מיך...

שמחת תורה ביינאכט איז נאכאמאל געווען זייער פרייליכע הקפות. פאר מעריב זענען געקומען א גאנצע גרופע חב"ד'סקע בחורים מפיצים, און איינער פון זיי האבן געבעטן רשות צו רעדן אפאר ווערטער, הרב מנשה האט אים גערן געלאזט...

ביי די ערשטע צוויי הקפות האבן זיי געפירט די ביהמ"ד. זיי האבן געזינגען געשמאקע ווארימע ליובאוויטשע ניגונים און פעסט געטאנצן מיט אסאך ענערגיע בנוסח חב"ד, נאך די צווייטע

הקפה זענען זיי זיך געגאנגען ווייטער און דער דיין האט ווייטער הערליך געפירט די הקפות.

איך האב שפעטער געטראכט אז איך ווייס נישט ווער האט געמאכט מער הפצה, די חב"ד'סקע בחורים וואס האבן נאכגעזאגט א שטיקל תורה און געשמאק געזינגען, אדער די ברסלב'ער חסידים וואס האבן געלאזט אפאר חב"ד'סקע בחורים איבער נעמען זייער ביהמ"ד שמחת תורה... ווייל פון אלע אנדערע פלעצער ווערן זיי ארויסגעווארפן.

שמחת תורה תורה בייטאג איז געווען א לאנגע געשמאקע דאווענען מיט פייערדיגע הקפות, דער דיין האט אונז געהאלטן אין איין מעורר זיין צו טאנצן און צו זיין פריילך, ביי די קידוש האט דער דיין גערעדט שטארקע דיבורי חיזוק.

נעילת החג איז געווען זייער שיין, מ'האט געזינגען שיינע ניגונים, דער דיין האט אויפגעטרעטן מיט שטארקע חיזוק פאר די לאנגע ווינטער, דער דיין האט גערעדט פון די גרויסקייט פון צדיקים און פון לימוד התורה.

א טאג נאך יו"ט קומט איינער צו צו מיר און פרעגט מיר: "וואו ביזטו געווען שמחת תורה", האב איך אים געזאגט: "אין היכל הקודש!", הייבט ער אן שרייען אויף מיר: "ביסט אינגאנצן משוגע געווארן? פונקט דארט?", פרעג איך אים: "וואו דען?" זאגט ער מיר: "וואס הייסט, ס'פעלט בתי מדרשים אין בארא פארק? בארא איז דאך פיל מיט בתי מדרשים, האסט דאך געקענט אין סיי וועלכע קליינע ביהמ"ד!"

זאך איך אים: "דאס האב איך געטון!" טענהט ער: "ניין, דארט איז נישט קיין ביהמ"ד!!!"

זאג איך אים: "אנטשולדיגט, איך האב נישט געוואוסט, ס'האט אויסגעקוקט געהעריג ווי א ביהמ"ד..."

יענער נאכט בין איך ארויסגעפארן אין שטעטל, איך האב געוואלט זעהן ווי אזוי ס'קוקט אויס. איך האב זיך געוואלט טרעפן מיט אנשי שלומינו, די גאנצע וועג האב איך שוין געטראכט ווי בא'טעמ'ט ס'גייט דארט זיין, איך האב שוין געזען אין מיין דמיון ווי איך באקום א טור פון די גאנצע שטעטל, איינער ווייזט מיר דא איז די בית הדפוס, און דא איז דער ביהמ"ד, און דארט איז די אנדערע ביהמ"ד, און אזוי חלום איך זיך די גאנצע וועג ארויף.

למעשה בין איך אנגעקומען אביסל שפעטלעך, און נישט געזען קיין נפש חיה פאר די אויגן, אלעס איז איינגעהילט אין א שטילקייט, נישט קיין שלום עליכם, נישט קיין טור, ניטאמאל אביסל שיחות חברים, גארנישט! די גאנצע דמיון ארויס פון פענסטער און צוריק אהיים...

דאנערשטאג נאכט בין איך ענדליך געפארן קיין וויליאמסבורג צו די דאנערשטאג שיעור פון די ראש ישיבה.

ווען איך בין אנגעקומען און שוהל האט מיר איינער געזאגט אז נאכן שיעור וועל איך קענען צוגיין צו די ראש ישיבה רעדן אפאר ווערטער...

אזא שיינע שיעור איז געווען, אבער נישט סתם! די ראש ישיבה האט אלעס געדעקט, פון התבודדות ותפילה צו די דרך הלימוד ביז מאכן שמחות "נארמאל" אין נישט דארפן אויסגיין אויף קידוש השם פון די אייגענע קינדער'ס שמחה...

דער ראש ישיבה האט גערעדט פון שידוכים. דער ראש ישיבה האט מסביר געווען אז מוהרא"ש ז"ל האט אים געזאגט ביים עפענען די ישיבה, אז ער זאל אויסלערנען די בחורים א וועג צום לעבן וואס זאל זיי אייביג באגלייטן אפילו אינדרויסן פון די ישיבה ווענט און אטמאספער.

דער ראש ישיבה האט געזאגט אויף איינער פון אנשי שלומינו וואס איז אמאל געגאנגען שמחת תורה צו איינער פון די גרויסע רבי'ס, און האט פארציילט ווי התעוררות'דיג און ווי שיין ס'איז דארט געווען, אבער די מינוט וואס די הקפות האבן זיך געענדיגט האט זיך אויך די התעוררות געענדיגט...

דער דיין האט זייער ענדליך געזאגט שמחת תורה. ער האט פארציילט אז די ערשטע יאר וואס ער איז געווען ביי דער ראש ישיבה שמחת תורה האט ער ממש געהאט חלישת הדעת... ער איז געווען



צוגעוואוינט צו א מצב, א התעוררות מיט טויזנטער טויזנטער מענטשן, און דא דערזעט ער זיך מיט קוים א מנין, נישט קיין מצב, נישט קיין רוח, נישט קיין טויזנטער מענטשן צוזאמען, די חילוק איז נאר אז נאך שמחת תורה איינמאל די התעוררות איז געענדיגט איז עס דערנאך, שוין נישטא קיין זכר פון די מצב, יעדער גייט זיך צוריק צו זיין לעבן, אבער ביי אונז מיט דער קליינטשיק קוים מנין לעבט מען פון די עצות און התחזקות א גאנצע יאר, ס'ענדיגט זיך נישט מוצאי שמחת תורה...

דער ראש ישיבה האט שטארק גערעדט פון הפצה, יעדער דארף טרעפן זיין וועג צו העלפן אנדערע אידן זאלן אויך האבן די חיזוק פון רבי'ן. אויך האט דער ראש ישיבה נאכאמאל געבעטן אז יעדער זאל זיך אונטערנעמען נייע קבלות אויף די יאר. גאר שארף האט דער ראש ישיבה גערעדט וועגן די הארבקייט פון כיבוד אב ואם און אזוי אויך די שווער און שוועגער. ס'איז געווען א שיעור מלא וגדוש פול מיט מוסר, חיזוק און הדרכה.

אזוי ווי דער ראש ישיבה ענדיגט די שיעור איז ער גראד מודיע אז היינט האט ער נישט קיין צייט אויפצונעמען דעם עולם, ער יאגט זיך אהיים, און מיט דעם איז מיין שיינע דמיון ווי איך גיי ענדליך קענען אביסל רעדן מיט די ראש ישיבה געווארן אויס!

אין מיין קאפ טרייסט איך מיך אז זונטאג וועל אויך שוין קומען זיך געזעגענען מיט מיין משפחה פון דער ראש ישיבה, און דעמאלט גיי איך שוין ענדליך האבן מיין זיסע סטראבעררי מינוט מיט דער ראש ישיבה, ס'גייט זיין אזוי שיין און אזוי זיס, מיין יונגעלע פון פיר א האלב יאר גייט זאגן פאר דער ראש ישיבה אז ער לערנט שוין משניות, און דער ראש ישיבה גייט אים זאגן פשיייהא... און אזוי האט זיך מיין דמיון גענומען שטארק ארבעטן פון דאנערשטאג נאכט.

אויפן וועג אהיים פון די שיעור האב איך געגעבן א היטש פאר א חשובע תלמיד הישיבה, און מיר האבן געשמועסט פון דעם ווי אזוי מענטשן זענען אזוי פארנומען אין לעבן צו ס'פאסט זיי יא אדער נישט, און וואס וועט דער זאגן און וואס וועט יענער זאגן... און וועגן דעם האלטן זיך אזוי פיל מענטשן צוריק פון טון צו די זאך, איי באלד ליגסטו אין דיר ערד... זיך שעמען פון וועמען? אין זיבעציג יאר וויסט קיינער נישט אז דו האסט בכלל געלעבט! קיינער אינטערסירט נישט וואס דו האסט געטון! אויב האסטו געהאט שכל און געטון צו די זאך, האסטו עפעס געטון און אויב נישט איז א שאד אויף יעדע מינוט וואס דו האסט זיך געדרייט אויף דער וועלטל!

פארציילט ער מיר אז ווען ער איז געפארן אויף מקומות הקדושים, איז ער געווען אין בית החיים אין קראקא און ער האט באמערקט אן אינטערעסאנטע זאך, ביי די אריינגאנג צום בית החיים איז דא א גרויסע מאנומענט וואס איז צוזאם געשטעלט פון די פיל מצבות וואס זענען נעבעך געווען אומגעווארפן נאך די קריג, און מ'האט צוזאמגענומען די אלע מצבות און פון דעם געבויט די מאנומענט. זאגט ער מיר, אז בשעת'ן באטראכטן די מאנומענט באמערקט ער






א מציבה וואס שטייט דארט פ"נ איש מכובד מאד ונגיד... אלע שיינע טיטלען ווי א שיינע איד דער איז געווען, און ער טראכט צו זיך, וואו שיינע איד, ווען שיינע איד, ער פארמאגט נעבעך ניטאמאל קיין מצבה העכער זיין קאפ...

שבת בראשית איז שנעל דורכגעפלויגן, ס'איז געווען זייער א שיינע שבת, איך האב אריינגעכאפט די לעצטע פאר תפילות אין די בארא פארק'ער שוהל און זיך ווארעם געזעגנט און באדאנקט פאר די שיינע יו"ט וואס איך האב דא געהאט.

איך האב קוים געקענט איינשלאפן מוצאי שבת, מארגן קום איך מיט מיין משפחה צו דער ראש ישיבה, מיט'ן אייבערשטנס הילף. מיין מוח האט געראוישט איך האב שוין קוים געקענט אויסווארטן... און איך בין שוין אין די קאר מיט מיין משפחה אין צייט, אלעס קלאפט, איך טראכט שוין צו זיך ענדליך יעצט גייען שוין אלע דמיונות אויף איין מאל פארווירקלעכט ווערן, און... און....

איך בין שוין צען מינוט אוועק פון וויליאמסבורג, און איך באקום א פאון קאלל: "דער ראש ישיבה שפירט נישט גוט ער איז אהיימגעגאנגען, נישטא אויף וואס צו קומען היינט זיכער נישט..."

אויפ'ן פלאץ זענען אלע מיינע דמיונות פון וואכן לאנג צושמעטערט געווארן ווי קליינע שטיקלעך שארבן, אלעס האט זיך אויסגעלאזט א הויקער... איך פאר שוין צוריק מארגן פארטאגס, ווער ווייסט ווען איך וועל נאכאמאל זיין אין אמעריקע, אלע דמיונות ארויס פון פענסטער!!!

ס'האט מיר גענומען אפאר מינוט צו קומען צו זיך... און די גאנצע צייט רוקן זיך מיינע ליפן, איך האב אפילו נישט געכאפט... איך הייב אן צו לייגן קאפ צו וואס איך זאג "שכוח אייבערשטער", איך שפיר פריילעך אינעווייניג, און איך הייב אן צולייגן אביסל מחשבה צו וואס ס'פאסירט מיט מיר, איך זאל אין שווערע מינוטן לויפן דאנקען דעם אייבערשטן אויטאמאטיש?! דאס איז דאך אזא אויסטערלישע מתנה פון דער ראש ישיבה, וואס דארף איך מיינע דמיונות?

איך קוק וואס איך האב אין די האנט, איך לעב, איך לאך, איך בין פריילעך, איך האב א באשעפער וואס איז אייביג דא פאר מיר, איך האב שיעורים קבועים און אזוי פיל מקצועות התורה, איך רעד שיין אינדערהיים, איך לייג אריין אמונה אין מיינע קינדער, וואס אינטערעסירט מיר די דמיונות בכלל? יא, יא, ניין, ניין! איך האב דאך באקומען א זיס לעכטיג לעבן דא ביים ראש ישיבה, איך טראכט צו מיר: "קען דען זיין א שענערע געזעגענען פון דעם?..."

**דאס איז היכל הקודש!**

נישט עפעס א מענטשעלע וואס אין אים פארזיכערסטו זיך, נאר איין איינציגע באשעפער, וואס אים טוען מיר דינען דאס איז היכל הקודש! דאס איז די פלאץ וואס האט מיר געצויגן ווי א מאגנעט.

א מחיה איך לעב מיט'ן אייבערשטן, איך בין די גליקליכסטע מענטש אויף די וועלט!!!

**אשרינו שזכינו להתקרב לרבינו!!!**



# מעשיות פון תפילה

## אייזיק ראטה - וויליאמסבורג:

איך האב פארלוירן מיין טעלעפאן, און א אינגל האט מיר געזאגט אז ער האט געזען ווי ס'איז ארויסגעפאלן פון די קאר, איך האב אנגעהויבן זוכן אבער גארנישט געטראפן פארשטייט זיך, איך האב עס געהאלטן אין איין רופן אבער קיינער האט נישט אויפגעהויבן, און אויב איינער טרעפט עס קען ער אויך גארנישט טון ווייל ער האט נישט די פעסווארד צו עפענען די פאון, איך האב שוין געוואלט גיין קויפן א נייע, אינמיטן כאפ איך מיך: "וואס איז מיט מיר? ס'איז דא א באשעפער אויף דער וועלט! איך קען דאך בעטן דעם אייבערשטן!", איך האב גלייך אנגעהויבן בעטן דעם אייבערשטן אז איך זאל עס טרעפן.

ברוך השם, דער אייבערשטער האט געמאכט א נס, איינער האט גערופן מיין טעלעפאן אינדערהיים, און ער זאגט מיר אז ער האט געטראפן מיין טעלעפאן, און ער האט געזען איינער האט גערופן פון די נומער האט ער צוריקגערופן, האב איך אים געפרעגט: "וואו האסטו עס געטראפן?" זאגט ער מיר: "איך האב שפאצירט אויפן גאס, און א גוי געבט מיר עס, און פרעגט מיך אויב איך וויס פארוועם עס געהערט".

שכח אייבערשטער פאר די אפענע נס!

## יעקב בלוך - בני ברק:

פאר אפאר וואכן צוריק האב איך אנגעהויבן שפירן נישט גוט, איך האב נישט געוואוסט וואס עס קען זיין. האב איך אנגעהויבן בעטן דעם אייבערשטן אז איך זאל שפירן גוט, שכח אייבערשטער נאך אסאך תפילות האב איך אנגעהויבן שפירן בעסער און ביז אפאר טעג האב איך שוין געשפירט אינגאנצן גוט.

## שלום אלי' אינדיג - מאנטריאל:

איך האב געדארפט באצאלן אפאר בילס, און איך האב נישט געהאט קיין געלט, איך האב זייער שטארק געבעטן דעם אייבערשטן: "באשעפער, איך דארף באצאלן מיינע בילס, און איך האב נישט קיין געלט, הייליגער באשעפער, שיק מיך געלט איך זאל עס קענען באצאלן, באשעפער, געב מיך שפע".

איך האב געטראכט אז איך וועל פאלגן מוהרא"ש, מוהרא"ש פלעגט אלץ זאגן אז אויב מ'האט נישט קיין געלט זאל מען גיין הפצה, איך בין גלייך געגאנגען אין בית המדרש און אנגעהויבן גיין הפצה, און נישט מער און נישט ווייניגער, איין אינגערמאן שטעקט אריין זיין הענט אין טאש און נעמט ארויס דעם גרויסן סכום פון פינף הונדערט דאלער און גיבט מיר דאס אהין!

## יוסי ברילל - וויליאמסבורג:

איך בין איינגעשטעלט אין א גרויסע תלמוד תורה אין וויליאמסבורג, עס איז דא א געוויסע קרוין וואס מען מאכט פאר די קינדער אין געוויסע צייטן וואס דאס קען נאר די מנהל מאכן, איך האב דאס זייער שטארק געוואלט קענען מאכן אליין, איך האב שוין אפאר מאל פרובירט עס צו אליין מאכן, אבער ס'האט זיך קיינמאל נישט אויסגעארבעט.

א שטיק צייט צוריק האב איך אנגעהויבן זייער שטארק בעטן דעם אייבערשטן אז איך זאל נישט דארפן צוקומען צו דער מנהל, איך זאל מיך אויסלערנען צו עס מאכן אליין, און ברוך השם, דער אייבערשטער האט געהאלפן אז איך האב מיך צוביסלעך אויסגעלערנט וויאזוי מ'מאכט עס און אזוי דארף איך שוין נישט צוקומען צו קיין טובות פון אנדערע.

## העניך אינדיג - קרית ברסלב:

איך בין געווען אינטערוועגס, אינמיטן זע איך בליצערס אין די שפיגל, מ'האט מיך אפגעשטעלט, ס'האט אויסגעקוקט ווי ער גייט מיך געבן א טיקעט, איך האב זייער שטארק געבעטן דעם אייבערשטן אז ער זאל מיך לאזן גיין און נישט געבן קיין טיקעט, און ברוך השם, דער אייבערשטער האט געהאלפן אז ער האט מיך נישט געגעבן קיין טיקעט.

שכח אייבערשטער!

<<<<

סיי וואו איר וואוינט קענט איר איבערלאזן אייער מעשה פון תפילה.
שיקט אריין אייער מעשה פון תפילה צו 845-379-1161

# מעשיות פון תפילה



## הערשל שניטצלער - קרית ברסלב:

זייט איך האב אריינגעמופט אין מיין דירה האב איך געדארפט האבן עפעס א געוויסע טיר אין מיין הויז, און ווען איך האב מיך דערמאנט פון דעם האב איך געמאכט א תפלה אז איך זאל האבן אזא טיר, און דער אייבערשטער האט געהאלפן אז נאך א לאנגע צייט בעטן דעם אייבערשטן האט איינער געשריבן אויף די שטעטל טעקסט גרופ אז ער האט א טיר אוועקצוגעבן בחנם, און איך טראכט צו מיר: "אפשר איז עס די טיר וואס איך דארף", האב איך אים גebעטן ער זאל עס אפמעסטן און ער זאגט מיר אז ס'איז פונקט די זעלבע סייז וואס איך האב געדארפט, איך בין שנעל אריבערגעגאנגען צו אים און אפגענומען די טיר.

נאכדעם האב איך געדארפט אינסטאלירן די טיר אבער איך וויס נישט וויאזוי מ'טוט עס, האב איך געבעטן דעם אייבערשטן אז איך זאל האבן געלט צו באצאלן פאר איינער וואס קען עס טון פאר מיר, למעשה רוף איך אן איינעם פון שטעטל, און ער זאגט מיר אז ער קען קומען אינסטאלירן די טיר, ער קומט אראפ און ער זאגט מיר די פרייז, און איך האב מיך דערמאנט אז ער קומט מיר געלט, האב איך אים געפרעגט אויב ער קען אינסטאלירן די טיר פאר די געלט וואס ער קומט מיר, און דער אייבערשטער האט געהאלפן אז ער האט מסכים געווען.

שכח אייבערשטער אז איך האב באקומען א טיר בחנם, און ס'איז געווארן אינסטאלירט בחנם, אלעס מיט די כח פון תפלה!

## שמעון פארקאש - וויליאמסבורג:

איך האב פארלוירן א געוויסע סומע געלט, איך האב עס געזוכט פאר זייער א לאנגע צייט אבער איך האב עס נישט געקענט טרעפן, איך האב זייער שטארק געבעטן דעם אייבערשטן אז איך זאל עס טרעפן, און ברוך השם אפאר מינוט שפעטער האט איך געטראפן די געלט וואס איך האב פארלוירן, און נישט נאר דאס, נאר איך האב דארט אויך געטראפן נאך א גרעסערע סומע געלט וואס כ'האב אפילו נישט געוואוסט אז איך האב דארט אוועקגעלייגט א צייט פארדעם.

## אלחנן זויבערמאן, אפרים שמעון בלומענקראנץ, זלמן וויזל - ירושלים:

מיר זענען געפארן צו די חתונה פון יוסף כ"ץ הי"ו - גבאי פון די חבורה אין בני ברק, אויפ'ן וועג צוריק האבן מיר מיטגעשלעפט מיט אונז פיר בעגס אנגעפילט מיט קונטריסים צו גיין הפצה אין ירושלים, אנקומענדיג צו די באס סטאנציע האבן מיר געהערט אז די באס גייט נישט פארן פון די סטאנציע ווי געווענליך, נאר מ'דארף גיין צו די באס סטאנציע אינדרויסן פון שטאט, אבער מיר האבן נישט געקענט שלעפן די שווערע בעגס ביז די באס סטאנציע אינדרויסן פון שטאט.

מיר אלע האבן גלייך אנגעהויבן בעטן דעם אייבערשטן צו וויסן וויאזוי מ'געבט זיך אן עצה, אינמיטן בעטן דעם אייבערשטן זעהן מיר א באס האט זיך אפגעשטעלט נעבן אונז, אונז האבן אים געפרעגט וואו ער פארט זאגט ער: "קיין ירושלים", מיר זענען אלע ארויף אויפן באס, און געקענט צוריקפארן אן דעם וואס מ'זאל דארפן שלעפן די שווערע פעקלעך לענגאויס די גאנצע שטאט.

אין ירושלים האט אונז די באס אראפגעלייגט בערך א האלבע שעה אוועק פון די שול וואו מיר האבן געדארפט אנקומען אראפצולייגן די בעגס, האבן מיר ווידער געבעטן דעם אייבערשטן אז מיר זאלן האבן א גרינגע וועג און דארפן צאלן געלט, איך האב אנגערופן א חבר און אים פארציילט אז מיר זוכן א וועג צום ביהמ"ד היכל הקודש, און ברוך השם ער איז אונז געקומען אפנעמען.

סיי וואו איר וואוינט קענט איר איבערלאזן אייער מעשה פון תפילה.
שיקט אריין אייער מעשה פון תפילה צו 845-379-1161

# א בריוו

פונעם ראש ישיבה שליט"א



**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פָּרָשַׁת וַיֵּרָא, י"ז מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשע"ז לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

מִיר גֵייעֶן יֶעצְט אַרַיין אִין דִי ווִינְטֶער שַׁבָּתִים וָואס דֶער זְמַן אִיז זֵייעֶר פְּרִי אוּן מֶען קֶען חַס וְשָׁלוֹם צוּקוּמֶען צוּ חִלּוּל שַׁבָּת, הֶחָכָם עֵינָיו בְּרֹאשׁוֹ, דַארְף מֶען שׁוֹין פוּן **פְרַייטָאג אִינְדֶערְפְרִי זִיךְ גְרֵייטְן אוֹיף שַׁבָּת.** דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי פְלֶעגְט גֵיין אִין מִקְוֶה עֶרֶב שַׁבָּת בַּיי חֲצוֹת, מֶען דַארְף זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן צוּ גֵיין אִין מִקְוֶה גֶענוּג פְּרִי אַז מֶען זָאל נִישְׁט צוּ קוּמֶען צוּ חִלּוּל שַׁבָּת.

ווִיפִיל מָאל דַארְף אִיךְ דָאס חַזֶר'ן אוּן נָאכְאַמָאל אִיבֶּער חַזֶר'ן, אַז דוּ זָאלְסְט זִיךְ **אָנְגְרֵייטְן אַ מַעֲשֶׂה** וָואס צוּ דֶערְצֵיילְן שַׁבָּת בַּיים טִישׁ פַאר דַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער, הַיינְט אִיז דָא אַ שֶׁפַע פוּן מַעֲשֶׂה בִּיכְלֶעךְ וָואס פַארְצֵיילְן דִי פַּרְשָׁה זֵייעֶר שֵׁיין. אוֹיךְ זֶע צוּ **זִינְגֶען אַבִּיסְל זְמִירוֹת;** דֶער יֵצֶר הָרָע פַארְלֵייגְט זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק אוֹיף דֶעם אַז מֶען זָאל סְתָּם עֶסְן אוּן אַיינְשְׁלָאפְן בַּיי דִי סְעוּדָה, דִי וַוייבּ זִיצְט אִין דֶער זַייט אוּן טְרַאכְט: "אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעגְרֵייט אַ גַאנְצֶע סְעוּדָה פַארְוָואס? אַז מַיין מַאן זָאל אַיינְשְׁלָאפְן אוּן גָארְנִישְׁט זִינְגֶען אָדֶער שְׁמוּעֶסְן מִיט מִיר?!" אַ פְרוֹי קֶען צֶעפְלַאצְט ווֶערְן פוּן דֶעם וָואס זִי זֶעט: וָואךְ נָאךְ וָואךְ גְרֵייט אִיךְ אָן אַ שֵׁיינֶע סְעוּדָה אוּן עֶר שְׁלָאפְט אַוֶועק דָאס גַאנְצֶע סְעוּדָה... **אֲפִילוּ מֶען פַארְצֵיילְט נַייעֶס פוּן וָואס עֶס טוּט זִיךְ אוֹיף דֶער ווֶעלְט קֶען מֶען פוּן דֶעם אוֹיךְ מַאכְן אַ שֵׁיינֶע שְׁמוּעֶס פוּן תַּכְלִית,** אַזוֹי ווִי רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט: "זַייט אִיךְ בִּין מְקוֹרָב צוּם רֶבִּי'ן, נִישְׁט נָאר אַז אִיךְ קֶען נִישְׁט זָאגְן דִבְרֵי תּוֹרָה אָן דִי הַקְדָּמוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, נָאר אֲפִילוּ סְתָּם אַ שְׁמוּעֶס, אַ נַייעֶס, קֶען אִיךְ אוֹיךְ נִישְׁט שְׁמוּעֶסְן אוּן דֶערְצֵיילְן, אָן דֶעם וָואס אִיךְ זָאל נִישְׁט רֶעדְן פוּן רֶבִּי'ן בַּיי דִי שְׁמוּעֶס".

לְמָשָׁל, יֶעצְט קָאכְט זִיךְ ווֶעגְן דִי נַייעֶ פְּרֶעזִידֶענְט 'טְרָאמְפּ', וואוּ מֶען גֵייט אוּן וואוּ מֶען שְׁטֵייט הֶערְט מֶען 'טְרָאמְפּ', 'טְרָאמְפּ', 'טְרָאמְפּ'; קֶען מֶען מַאכְן אַ שֵׁיינֶע שְׁמוּעֶס מִיט דִי וַוייבּ אוּן קִינְדֶער דֶערְפוּן, מֶען רֶעדְט שֵׁיין אוּן מֶען אִיז זֵיי מַסְבִּיר אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דֶער ווֶעלְט אוּן עֶר הָאט אַלֶעס בַּאשַׁאפְן אוּן עֶר אִיז מְחַיֶּה אוּן מְהַוֶּה דִי גַאנְצֶע ווֶעלְט, אוּן אָן אִים אִיז גָארְנִישְׁט דָא, **'טְרָאמְפּ' קֶען נִישְׁט הֶעלְפְן אוּן נִישְׁט חָרוּב מַאכְן,** וָואס אַ מֶענְטְשׁ דַארְף זָאל עֶר זִיךְ ווֶענְדְן נָאר צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דָאס אִיז וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶערֶעדְט אוּן אַרַיין גֶעבְּרֶענְגְט אִין אוּנְז, אַז מִיר זָאלְן לֶעבְּן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ פְרֵיילִיכְן שַׁבָּת.**

# א שיחה

פון דער

ראש ישיבה שליט"א



## חִינוּךְ (חֵלֶק ב')

**אִין אַ שְׁמוּעֶס וֶועגְן חִינוּךְ הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א זִיךְ אָנְגֶערוּפְן:** בְּנוֹגֵעַ בְּרֶענְגֶען קְלֵיינֶע קִינְדֶער אִין שׁוּל; כָּאטְשִׁיג קִינְדֶער שְׁטֶערְן אוּן לָאזְן נִישְׁט דַאוֶוענֶען אוּן שְׁטֶערְן דֶעם טַאטְ'ן אוּן אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן פוּן דַאוֶוענֶען, מִיט דֶעם אַלֶעם דַארְף מֶען ווִיסְן אַז אַ קִינְד וָואס קוּמְט אִין שׁוּל זַאפְּט זִיךְ אַיין אִין אִים הֵיילִיגְקֵייט דוּרְכְדֶעם וָואס עֶר זָאגְט 'אָמֵן', 'אָמֵן יְהֵי שְׁמֵיהּ רַבָּה', 'קְדוּשָׁה' אוּן 'בָּרְכוּ'. דֶער רְמָ"א זָאגְט (או"ח סִימָן קכ"ד, ה): "**וִילַמֵּד בָּנָיו הַקְּטַנִּים שֶׁיַּעֲנוּ אָמֵן, כִּי מִיַּד שֶׁהַתִּינוֹק עוֹנֶה אָמֵן יֵשׁ לוֹ חֵלֶק לְעוֹלָם הַבָּא**", אֲפִילוּ זֵיי שְׁטֶערְן אוּן דְרֵייעֶן אִיבֶּער דֶעם שׁוּל, דָאךְ נֶעמֶען זֵיי אַרַיין אִין זִיךְ קְדוּשָּׁה וְטָהֳרָה. מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט אַז דִי אַלֶע פְלֶעצֶער וואוּ עֶס אִיז אַיינְגֶעפִירְט צוּ בְּרֶענְגֶען דִי קִינְדֶער שַׁבָּת אִין שׁוּל פוּן וֶוען זֵיי זֶענֶען נָאךְ גָאר קְלֵיינֶע קִינְדֶער, אֲפִילוּ זֵיי שְׁטֶערְן, זֶענֶען אוֹיס גֶעוַואקְסְן עֶרְלִיכֶע אִידְן, וַוייל זֵיי זֶענֶען מְחוּנָּךְ גֶעוָוארְן מִיט דַאוֶוענֶען, מַה שֶּׁאֵין כֵּן דִי אַלֶע אַשְׁכְּנַזִ'ישֶׁע קְהִלּוֹת וָואס הָאבְּן מַקְפִּיד גֶעוֶוען אוֹיף 'סֵדֶר' אוּן שְׁטִילְקֵייט וְכוּ', זֶענֶען דִי קִינְדֶער אַרוֹיס לְתַרְבּוּת רָעָה רַחֲמָנָא לִצְּלַן אוּן גֶעוָוארְן גֶעכַאפְּט אִין הַשְׂכָּלָה.

אַ טַאטֶע דַארְף אָבֶּער ווִיסְן אַז עֶר קֶען נִישְׁט לָאזְן זַיינֶע קִינְדֶער סְתָּם אַרוּמְלוֹיפְן, עֶר דַארְף אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף זֵיי, עֶר דַארְף זֶען אַז זֵיי זָאלְן דַאוֶוענֶען אוּן אוֹיסְהֶערְן דָאס לֵיינֶען, פַארְשְׁטֵייט זִיךְ הַגָּדוֹל לְפִי גָּדְלוֹ וְהַקָּטָן לְפִי קָטְנוֹ; קְלֵיינֶע קִינְדֶער רוּפְט מֶען אַרַיין צוּ קְדוּשָּׁה אוּן כֶּתֶר, גְרֶעסֶערֶע קִינְדֶער דַארְפְן שׁוֹין דַאוֶוענֶען וָואס זֵיי דַאוֶוענֶען אִין חֵדֶר, אוּן וֶוען זֵיי ווֶערְן נָאךְ גְרֶעסֶער דַארְפְן זֵיי שׁוֹין מִיטְהַאלְטְן דָאס גַאנְצֶע דַאוֶוענֶען אוּן קְרִיאַת הַתּוֹרָה. אַ טַאטֶע וָואס אִיז מְחַנֵּךְ זַיינֶע קִינְדֶער פוּן וֶוען זֵיי זֶענֶען נָאךְ יוּנְג וֶועט זֶען שֵׁיינֶע פֵּירוֹת שְׁפֶּעטֶער, אוּן וֶוער עֶס זָאגְט: "נֶע, זֵיי זֶענֶען נָאךְ קְלֵיין", דִי וֶועלְן זִיךְ רַייסְן דִי הָאר שְׁפֶּעטֶער.

מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶעזָאגְט: "**חִינוּךְ הֵייבְּט זִיךְ אָן נָאךְ פַאר דִי קִינְדֶער וֶוערְן גֶעבּוֹירְן**". דֶערְפַאר בֶּעט אִיךְ דִיר: הָאבּ שֵׂכֶל אוּן הָאבּ רַחְמָנוּת אוֹיף דִיר אַלֵיין אוּן פִיר זִיךְ אֵיידְל אוּן עֶרְלִיךְ, דֶעמָאלְט וֶועלְן דַיינֶע קִינְדֶער זִיךְ אוֹיךְ אוֹיפְפִירְן אֵיידְל אוּן עֶרְלִיךְ, אוּן אַ מַאמֶע וָואס פִירְט זִיךְ אֵיידְל וֶועט אִיר טָאכְטֶער אוֹיךְ זַיין אַ אֵיידֶעלֶע מֵיידְל, "כְּאִמָּהּ - בִּתָּהּ", אוּן אַז דִי מַאמֶע אִיז נִישְׁט מַקְפִּיד צוּ גֵיין צְנִיעוּת'דִיג אָנְגֶעטוּן, וֶועט אִיר טָאכְטֶער חַס וְשָׁלוֹם אוֹיךְ גֵיין אוֹיסְגֶעלַאסְן, אוּן דֶעמָאלְט וֶועט זַיין צִי שְׁפֶּעט צוּרִיק צוּדְרֵייעֶן דֶעם זֵייגֶער. דֶערְפַאר, מַיינֶע לִיבֶּע תַּלְמִידִים וָואס אִיךְ הָאבּ אַלֶעס אַוֶועק גֶעגֶעבְּן פַאר אַייךְ: **גֶעבְּט אַכְטוּנְג אוֹיף אַייעֶרֶע קִינְדֶער נָאךְ מֶער ווִי אִיר גֶעבְּט אַכְטוּנְג אוֹיפְן שְׁוַוארְץ אַפֶּעל פוּן אוֹיג.**

# א מעשה
## פון א צדיק



### שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גוֹי

גְרוֹיסֶע צַדִּיקִים פְּלֶעגְן זָאגְן, דָאס אִיז אַ חֶסֶד פוּנֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַז דֶער גוֹי דֶערְמַאנְט אוּנְז אַז מִיר זֶענֶען אִידְן, יֶעדֶע אוּמָה שְׁפֶּעט דֶעם אִיד, מֶען שְׁרַייט אִים נָאךְ "דְזְשִׁיד" - אִין אַלֶע שְׁפְּרַאכְן שְׁרַייֶען זֵיי נָאךְ "אִיד", כְּדֵי אִים צוּ דֶערְמַאנֶען אַז עֶר אִיז אַ אִיד, אַז עֶר זָאל זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דִי בְּרָכָה וָואס מִיר זָאגְן יֶעדְן טָאג פַארְן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, "שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גוֹי".

מֶען דֶערְצֵיילְט נָאךְ אוֹיפְן הֵיילִיגְן בַּארְדִיטְשׁוּבֶער רָב זי"ע עֶר הָאט גֶעזָאגְט דִי בְּרָכוֹת יֶעדְן טָאג הוֹיעךְ אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ, וֶוען עֶר הָאט גֶעעֶנְדִיגְט אִיז צוּגֶעגַאנְגֶען צוּ אִים אַ אִיד אוּן הָאט אִים גֶעזָאגְט, "רֶבִּי אֵיין בְּרָכָה הָאט אִיר אוֹיסְגֶעלָאזְט", הָאט דֶער הֵיילִיגֶער בַּארְדִיטְשׁוּבֶער רָב זי"ע גֶעווּינְקֶען מִיט דִי הַאנְט, וִוי אֵיינֶער זָאגְט, "וָואסֶערֶע בְּרָכָה?" הָאט דֶער אִיד גֶעזָאגְט "שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גוֹי, הָאט דֶער רֶבִּי נִישְׁט גֶעזָאגְט", הָאט עֶר זִיךְ אָנְגֶערוּפְן, "אִיךְ בִּין אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען הַיינְט צֶעבְּרָאכְן, אִיךְ הָאבּ גֶעשְׁפִּירְט אַז אִיךְ בִּין גָארְנִישְׁט וֶוערְד, אוּן דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם הָאט מִיךְ צֶעבְרָאכְן אִינְגַאנְצְן, הָאבּ אִיךְ גֶעגֶעבְּן אַ טַאנְץ אוּן אִיךְ הָאבּ גֶעמַאכְט דִי בְּרָכָה 'שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גוֹי' מִיט דֶעם בִּין אִיךְ זִיךְ מְחַיֶּה".

זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז דָאס אִיז אוּנְזֶער חַיּוּת דֶער גוֹי שְׁפֶּעט אוּנְז אַז מִיר זֶענֶען אַ אִיד, דָאס אִיז אוּנְזֶער קְרוֹין, דָאס אִיז אוּנְזֶער פַארְמֶעגְן.

אַ מֶענְטְשׁ לַיידְט בִּזְיוֹנוֹת, מֶען פַארְשֶׁעמְט אִים מֶען רֶעדְט אוֹיף אִים, אוּן עֶר שְׁוַוייגְט אוּן עֶס בְּרֶענְט אִין אִים צוּ עֶנְטְפֶערְן פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן עֶנְטְפֶערְט עֶר נִישְׁט, דָאס אִיז דֶער עִיקָר תְּשׁוּבָה

אִיבֶּערְדֶעם בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר שְׁטַארְק, וֶוער נִישְׁט פַארְלוֹירְן אַז מֶען שְׁפֶּעט דִיךְ אַז דוּ בִּיסְט מְקוֹרָב צוּ אַזַא גְרוֹיסְן צַדִּיק.

(אשר בנחל אידיש מכתב ל"ג)





# דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינ'ס
# לֶעבְּנְסגֶעשִׁיכְטֶע

| פארזעצונג |

- ז -

**פארזעצונג פון פריער:** אַזוֹי וִוי דֶער סֵדֶר פוּן צַדִיקִים, סְפֶּעצִיעֶל אַזֶעלְכֶע גְרוֹיסֶע אוּן הֵיילִיגֶע צַדִיקִים, תַּלְמִידִים פוּן בַּעַל שֵׁם טוֹב זי"ע אוּן דֶער מַגִיד זי"ע, פְלֶעגְן זֵיי רֶעדְן נָאר דִבְרֵי תּוֹרָה אוּן עֶרְצֵיילוּנְגֶען פוּן זֵייעֶר הֵיילִיגֶער רֶבִּי. אוּן דֶער רֶבִּי פְלֶעגְט אַלְץ שְׁטֵיין דָארְט בַּיים טִישׁ אוּן אוֹיסְהֶערְן וָואס זֵיי רֶעדְן אוּן דֶערְצֵיילְן.

***

אֵיינֶע פוּן דִי מַעֲשִׂיוֹת וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט דֶעמָאלְט גֶעהֶערְט, וָואס דָאס הָאט אִים זֵייעֶר מְעוֹרֵר גֶעוֶוען אוּן אִים אַרַיינְגֶעגֶעבְּן גָאר אַ שְׁטַארְקֶע חֵשֶׁק צוּ וֶוערְן נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיז גֶעוֶוען דִי מַעֲשֶׂה וִוי אַזוֹי זַיין זֵיידֶע, דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זי"ע, הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זַייעֶנְדִיג בְּלוֹיז פִינְף יָאר אַלְט.

דִי מַעֲשֶׂה אִיז גֶעוֶוען אַזוֹי: וִוי בַּאקַאנְט אִיז דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זי"ע גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן צוּ זַיין טַאטֶע רֶבִּי אֱלִיעֶזֶר, וֶוען עֶר אִיז אַלְט גֶעוֶוען הוּנְדֶערְט יָאר, אוּן צוּ זַיין מַאמֶע שָׂרָה.

גְלַייךְ בַּיים גֶעבּוֹירְן אִיז זַיין מַאמֶע נִפְטָר גֶעוָוארְן, אוּן וֶוען עֶר אִיז אַלְט גֶעוָוארְן פִינְף יָאר, אִיז זַיין טַאטֶע זֵייעֶר פַארְשְׁלַאפְט גֶעוָוארְן, אוּן עֶר הָאט גֶערוּפְן זַיין זוּן אוּן אִים גֶעזָאגְט זַיינֶע לֶעצְטֶע וֶוערְטֶער: "מַיין טֵייעֶר קִינְד יִשְׂרָאֵלִיק, זָאלְסְט וִויסְן אַז אִיךְ דַארְף שׁוֹין יֶעצְט אַוֶועקְגֵיין פוּן דֶעם וֶועלְט, זָאלְסְט זִיךְ פוּן גָארְנִישְׁט שְׁרֶעקְן מַיין קִינְד, וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אִיבֶּערָאל. אַלֶעמָאל זָאלְסְטוּ גוּט גֶעדֶענְקֶען אוּן וִויסְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט דִיר בַּיי דִיר אוּן נֶעבְּן דִיר, דֶערִיבֶּער וֶוען דוּ וֶועסְט דַארְפְן הָאבְּן סֵיי וֶועלְכֶע זַאךְ זָאלְסְטוּ זִיךְ נִישְׁט וֶוענְדְן צוּ קֵיינֶעם, זָאלְסְט נִישְׁט בֶּעטְן פוּן קֵיינֶעם, נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיין. אוּן אַזוֹי וִוי סְ'אִיז גָארְנִישְׁט פַארְהַאן אוֹיף דֶער וֶועלְט אוֹיסֶער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זָאלְסְטוּ זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דַיין אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ, אוּן דוּ זָאלְסְט אֵייבִּיג גֵיין מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן". אוּן מִיט דִי וֶוערְטֶער אִיז עֶר נִסְתַּלֵק גֶעוָוארְן.

דֶער קְלֵיינֶער יִשְׂרָאֵלִיק אִיז אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען אוּן גֶעמַאכְט אַ רַעַשׁ, מֶענְטְשְׁן זֶענֶען גֶעקוּמֶען אוּן בַּאעֶרְדִיגְט זַיין טַאטְן, אוּן עֶר אִיז גֶעבְּלִיבְּן אֵיינֶער אַלֵיין, אָן קַיין טַאטֶע אוּן אָן קַיין מַאמֶע. דִי לֶעצְטֶע וֶוערְטֶער פוּן זַיין טַאטֶע זֶענֶען אָבֶּער גֶעבְּלִיבְּן אַיינְגֶעקְרִיצְט אִין זַיין יוּנְג הֶערְצֶעלֶע, אוּן עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

סְ'נִישְׁט גֶעוֶוען וֶוער סְ'זָאל זִיךְ אוּמְקוּקְן אוֹיף אִים, עֶר אִיז אַרוּמְגֶעגַאנְגֶען צֶערִיסְן אוּן צֶעשְׁלִיסְן, וואוּ עֶר אִיז גֶעשְׁלָאפְן בַּיינַאכְט, אִין עֶפֶּעס אַ שׁוּל אוּן דָאס גְלַייכְן, אִיז עֶר שׁוֹין נִישְׁט גֶעוֶוען בַּייטָאג, עֶר פְלֶעגְט אוּמְגֵיין פוּן דַארְף צוּ דַארְף אוּן פוּן שְׁטָאט צוּ שְׁטָאט, עֶר פְלֶעגְט שְׁפַּאצִירְן אִין וֶועלְדֶער אוּן אִין פֶעלְדֶער. מִיט אֵיין זַאךְ אִיז עֶר אָבֶּער גֶעוֶוען זֵייעֶר שְׁטַארְק, צוּ מְקַיֵים זַיין דִי צַוָואָה פוּן זַיין טַאטֶע, אַרַיינְצוּנֶעמֶען אִין קָאפּ אַז סְ'אִיז גָארְנִישְׁט דָאס אוֹיסֶער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִין יֶעדֶע זַאךְ אוֹיף דֶער וֶועלְט אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בַּאהַאלְטְן, אוּן עֶר דַארְף נָאר רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אַזוֹי פְלֶעגְט עֶר טַאקֶע טוּן פוּן אַסַאךְ טֶעג אוּן יָארְן.



מוהרא"ש זי"ע מתפלל ביים ציון פון בעל שם טוב זי"ע

וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהֶערְט דִי מַעֲשֶׂה, אִיז זַיין הַארְץ זֵייעֶר אוֹיפְגֶעפְלַאמְט גֶעוָוארְן, עֶר הָאט בַּאקוּמֶען אַ שְׁטַארְקֶע הִתְעוֹרְרוּת אַז עֶר וִויל אוֹיךְ וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אוּן אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק, עֶר הָאט זִיךְ פָארְגֶענוּמֶען אַז עֶר וִויל זַיין בַּאהַאלְטְן פוּן דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, אֲפִילוּ פוּן זַיין הֵיילִיגֶע טַאטֶע מַאמֶע, שְׁטִילֶערְהֵייט וֶועט עֶר וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק. אוּן אַזוֹי הָאט עֶר דַאן אָנְגֶעהוֹיבְּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זַיין מַאמֶע לָשׁוֹן, עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ רֶעדְן אַסַאךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אִידִישׁ.

פָארְזֶעצוּנְג קוּמְט אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם
**גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר "פְּעֻלַּת הַצַדִיק"**



א סעודה

# מיט'ן ראש ישיבה

## שבת חול המועד סוכות - תשפ"ג

שכח אייבערשטער אז איך האב געקענט מיטהאלטן אזא הערליכע שיינע סעודה ביים ראש ישיבה שליט"א דעם שבת חול המועד תשפ"ג. עס איז געווען אזא שיינע סעודה, מיט אזויפיל שיינע שיחות און געשמאקע שמועסן, און ווי דער ראש ישיבה האט פרייליך געמאכט די קינדער און געמאכט די סעודה לעבעדיג און געשמאק, איך וועל פרובירן צו אראפשרייבן וויפיל איך געדענק פון די לעכטיגע סעודה.

איך האב מיטגעהאלטן ווי דער קליינער יוסף איז ארויפגעלאפן פאראויס אלע טרעפ און מיט א שמחה האט ער אויסגערופן: "מאמי! טאטי האט געזאגט אז היינט וועל איך קענען אויפהייבן די בעכער און טיילן די אייסעס, ווייל היינט איז מיין אושפיזין!"

### איך האב הנאה פון אייער ספר

דער ראש ישיבה האט געעפנט די טיר און איז אריינגעקומען מיט א פרייליכן גוט שבת! גוט שבת! דער ראש ישיבה האט פארציילט אז אויפן וועג אהיים איז ער ארויפגעגאנגען צו די באבע מייזליש, ווייל זיין זון אלחנן האט אים פארציילט אז ווען ער איז געגאנגען פרייטאג עפעס טראגן צו די באבע, האט ער דארט געטראפן ר' מרדכי שטויבער ני"ו און ער האט אים געבעטן ער זאל איבערגעבן פאר דער ראש ישיבה אז ער האט זייער הנאה פון ספר 'עצתו אמונה'. האט דער ראש ישיבה אים געפרעגט: "און דו האסט אים צוריקגעזאגט אז איך האב הנאה פון זיינע זאכן וואס ער שרייבט און ספר 'ומרדכי ידע'?" האט ער געזאגט אז נישט. איז דער ראש ישיבה ארויפגעגאנגען צו די באבע אויפן וועג אהיים פון שול אים צו קענען זאגן אז ער האט זייער הנאה פון זיינע מעשיות 'ומדרכי ידע' וואס ער האט ארויסגעגעבן.

### מאכן יענעם גוט שפירן

די באבע האט געטיילט פאר אלע קינדער א לאלי, און איינער פון די קינדער האבן עס נישט געדארפט, האט ער עס געגעבן פאר די בעיבי. האט דער ראש ישיבה אים זייער אויסגעלויבט פאר אלע געסט און געזאגט: "הערשי' געבט אוועק זיין לאלי נישט וועגן ער דארף עס נישט, נאר ווייל ער איז מוותר אז דער קליינער יחזקאל זאל אויך קענען האבן א לאלי!" די שמייכל אויפן קינד'ס פנים איז געווען מורא'דיג, האב איך געזען ווי דער ראש ישיבה נוצט אויס יעדע געלעגנהייט אויפצובויען די קינדער, אפילו דאס קינד האט עס אפילו נישט געטון צו מוותר זיין האט אבער דער ראש ישיבה געמאכט א גאנצע עסק פון דעם און אים געמאכט פילן אזוי גוט.

### איינלאדענען די אושפיזין

דער ראש ישיבה האט געוואלט אנפאנגען זינגען שלום עליכם, אבער דער ראש ישיבה געזאגט אז מען דארף קודם איינלאדענען די אושפיזין, און נאכדעם די מלאכים. דער ראש ישיבה האט גערופן אלע קינדער זאלן קומען אין די סוכה און מען האט איינגעלאדנט די אושפיזין. נאכדעם האט דער ראש ישיבה אנגעפאנגען זינגען זמירות, אבער נישט מודה אני, ווייל יום טוב זאגט מען נישט די תפילה פון מודה אני. אויך האט דער ראש ישיבה געשמועסט פון דעם אז שבת חול המועד זאגט מען נישט קיין שיר השירים.

דער ראש ישיבה האט געבעטן אז מען זאל שוין אריינברענגען די טעלערס פיש פאר די סעודה, אזוי זאל דער ראש ישיבה'ס וויב קענען בלייבן זיצן אין די סוכה א גאנצן צייט.

איינער פון די קינדער האט זיך אנגערופן א ווארט וואס די קינדער זאגן אין חדר אלס א מיאוסע ווארט, דא איז דער ראש ישיבה געווארן זייער שטרענג: "איך וויל נישט מער הערן די ווארט, נאך איין מאל איך וועל עס הערן וועל איך דארפן לייגן פעפער אין דיין מויל!".

דערנאך האט דער ראש ישיבה גערופן יוסף זאל קומען אויפהייבן די בעכער, ווייל היינט איז זיין אושפיזין, און דער ראש ישיבה האט געמאכט קידוש. נאך קידוש האט מען אריינגעברענגט אין די סוכה א שיסל און טעפלעך וואסער, און דער ראש ישיבה האט יעדעם געוואשן.

### די עצות העלפן

דער ראש ישיבה האט דערציילט וועגן א אינגערמאן פון ארץ ישראל וואס איז געווען זייער צובראכן ווייל שוין צוויי יאר פון ווען ער איז מקורב געווארן צום רבי'ן, אבער ער האט נישט געקענט קומען אויף אומאן ווייל זיין ווייב האט אים נישט געלאזט. האט אים דער ראש ישיבה געגעבן א עצה פאריגע יאר נאך ראש השנה, אז א גאנצע יאר זאל ער

<<<<



טון צוויי זאכן, ער זאל יעדן טאג בעטן דעם אייבערשטן אז ער זאל קענען קומען אויף אומאן, און ער זאל רעדן שיין צו זיין ווייב. אויב ער וועט טון די צוויי זאכן, דעמאלטס נישט נאר זיין ווייב וועט אים לאזן פארן אויף אומאן, נאר זי וועט אים טרייבן צום רבין. ער האט געפאלגט דער ראש ישיבה, און ברוך השם די יאר איז ער געווען אין אומאן, זיין ווייב האט אים געלאזט פארן, און ווען ער איז אהיימגעקומען האט זי אים שוין אנגעפאנגען צו מוטשענען אז ער זאל שוין מאכן א טיקעט אז קומענדיגע יאר זאל ער אויך פארן אויף אומאן ראש השנה. האט דער ראש ישיבה אויסגעפירט: "זעט מען אז די עצות העלפן, אז מען רעדט שיין צו די ווייב און מען בעט דעם אייבערשטן, קען מען נאכדעם פארן אויף אומאן".

**קענסט נישט אדער ווילסט נישט?**

מען האט אריינגעברענגט די זופ. דער ראש ישיבה האט געפיטערט די קליינע קינדער, און דער ראש ישיבה האט עס געמאכט אינטערעסאנט אז זיי זאלן וועלן עסן, דער ראש ישיבה האט געזאגט ביי יעדן לעפל עפעס אנדערש, 'יעצט גייט מען עסן איין לעפל לכבוד די סוכה', 'יעצט איין לעפל לכבוד די אתרוג', און 'יעצט לכבוד די לולב', און אזוי ווייטער.

דער ראש ישיבה האט פארציילט אז ס'גייט שוין זיין שמחת תורה, מען גייט טאנצן מיט די תורה, און מען גייט ווארפן קענדי'ס... און דער ראש ישיבה האט געזאגט: "מענדל דו ביסט שוין א גרויסע אינגל, דו האסט שוין פיאות, קינדער וואס האבן שוין פיאות גייען נישט צו די ווייבער שול צו די מאמעס, נאר מען בלייבט ביי די טאטעס".

עס איז מיר געווען אזוי אינטערעסאנט צו זען ווי דער ראש ישיבה מאכט די סעודה אינטערעסאנט פאר אלע קינדער פון גרויס ביז קליין, פאר די גאר פיצעלע קינדער האט דער ראש ישיבה געוויזן אויפן דאך די פייגעלעך און געטשיפטשעט מיטן מויל זיי צו מאכן פריילעך, און פאר די קינדער וואס זענען אביסל עלטער האט דער ראש ישיבה געשמועסט מיט זיי לויט זייער עלטער, און אויך די געסט האט דער ראש ישיבה כסדר געמאכט זיכער אז זיי פילן זיך באקוועם און געשמועסט מיט זיי, און בכלל די גאנצע אטמאספער איז געווען זייער פריילעך און געשמאק א גאנצן צייט.

ווען דער ראש ישיבה האט געזאגט פאר די קינדער אז מען דארף עסן מיט די רעכטע הענט, האט זיך איין קינד אנגערופן 'אבער איך קען נישט...' האט דער ראש ישיבה אים געפרעגט: "דו קענסט נישט אדער דו ווילסט נישט?".

דערנאך האט מען אריינגעברענגט די פלייש, קוגל, און פערפל. דער ראש ישיבה האט זיכער געמאכט אז אלע געסט האבן געגוג עסן, און דער ראש ישיבה האט זיי געזאגט: "איך שעם זיך צו עסן אליינס, איך דארף איינער וואס זאל מיטעסן מיט מיך..."

האט דער ראש ישיבה אויסגעפירט: "זעט מען אז די עצות העלפן, אז מען רעדט שיין צו די ווייב און מען בעט דעם אייבערשטן, קען מען נאכדעם פארן אויף אומאן."

**דו ביסט נישט קיין רחמנות**

אינמיטן האט זיך געהערט א קלאפ אויפן טיר, א בחור איז געקומען און ער האט פארציילט אז נאכן דאווענען האט ער געווארט איינער זאל אים איינלייידענען אבער קיינער האט אים נישט גערופן פאר די סעודה, איז ער געגאנגען עסן ערגעץ אבער ס'איז גארנישט געווען דארט, נאר חלה מיט גרעיפ דשוס, איז ער ארויפגעקומען צו דער ראש ישיבה. דער ראש ישיבה האט אים געגעבן א פלאץ צו זיצן און דער ראש ישיבה האט זיך אנגערופן און געזאגט: "איך האב גארנישט קיין רחמנות אויף דיך. דו האסט דעם רבין! דו ביסט נישט קיין רחמנות!" און דער ראש ישיבה האט פארציילט א מעשה אז אמאל האט איינער געזאגט פאר ר' נתן עס איז אזא רחמנות אויף איינע פון די ברסלבע'ר חסידים וואס ער איז געווען א גרויסע ארעמאן. האט ר' נתן געזאגט, ער איז נישט קיין רחמנות, א רחמנות איז אויף משה חינקעס וואס ער האט א גאנצע סעודה פון פיש און פלייש ער קומט אהיים אינמיטן טאג ער עסט און טרינקט ווין און וואס ער טוט נאכדעם ווייל איך נישט זאגן נאר דער אייבערשטער ווייסט, ער איז א רחמנות, אבער דער ברסלבע'ר איד האט דעם רבי'ן ער איז בכלל נישט קיין רחמנות.

דערנאך האט דער ראש ישיבה געבעטן אז מען זאל אריינברענגען א טעלער זופ פאר דעם בחור, און דער ראש

ישיבה האט אים געגעבן פלייש און אלע גוטע זאכן.

### הפצה ברענגט שפע

דער ראש ישיבה האט דערציילט אז ווען ער איז אריינגעקומען אין שול ביי די שקיעה, האט ער געטראפן איינעם שאקלען לולב וויל ער איז געגאנגען הפצה א גאנצן טאג און ער האט נישט געהאט קיין צייט צו שאקלען. האט דער ראש ישיבה אים פארגעהאלטן: "מען דארף טאקע גיין הפצה, אבער שאקלען לולב ביים זמן? נישט דאס האט מוהרא"ש געוואלט". איך האב באמערקט ווי דאס האט זייער געבאדערט פארן ראש ישיבה.

נאכדעם איז מען אריין אין א שמועס וועגן הפצה, און דער ראש ישיבה האט געפרעגט די געסט אויב זיי גייען הפצה, האט איינער געענטפערט אז ער האט נישט קיין צייט. האט דער ראש ישיבה אים געפרעגט און וואס טוסטו ווען דו גייסט פון די פלאץ ווי דו שלאפסט ביז די ישיבה? דו קענסט דאך דעמאלטס מיטנעמען אפאר קונטרסים, גליונות, און געבן פאר מענטשן אויפן גאס. 'אז דו וועסט גיין הפצה וועסטו האבן שפע!'

א אנדערער האט געזאגט אז ער וואוינט אין שטעטל האט ער נישט וואו צו גיין הפצה. האט אים דער ראש ישיבה געזאגט פרייטאג און זונטאג זענען די קאנטריס פול מיט מענטשן, קען מען דארט גיין הפצה. אויך קען מען גיין אין ראלי האטעל, מען קען זיך צאמנעמען אפאר אינגעלייט צוזאמען און אהינפארן.

דער ראש ישיבה האט פארציילט אז די וואך איז זיין זון אלחנן געגאנגען הפצה און איינער האט אים געגעבן א הונדערטער, ווייל ער הערט די דרשות און ער איז זיך מחי', און דער ראש ישיבה האט גערעדט פון דעם אז ווען איינער גייט הפצה, וויל ער שוין נישט גיין נאכדעם ארבעטן, ווייל אנשטאט צו ארבעטן שווער פון צופרי ביז ביינאכט, קען מען גיין אפאר שעה הפצה און מאכן די זעלבע סאך געלט און נאכמער.

דערנאך האט דער ראש ישיבה געהייסן איינער פון די קינדער זאלן ברענגען מים אחרונים און מען האט געבענטשט.

### פריילך מאכן ביים טיש

נאכדעם האט דער ראש ישיבה אנגעפאנגען צו זינגען זמירות, אבער די קינדער האבן זיך געשפילט אינעווייניג. האט דער ראש ישיבה געפרעגט הויך, ווער וויל הערן די מעשה פון באבי ביי? זייער א אינטערעסאנטע מעשה... די קינדער זענען געקומען צו לויפן צו די סוכה, און דער ראש ישיבה האט פארציילט אז אמאל זענען קינדער געווען ביי זייער באבע'ס הויז און זיי האבן געוואלט זאגן ביי פאר זייער באבע, האבן זיי געזינגען באבי באבי ביי ביי ביי... עס איז געווען זייער אינטערעסאנט פאר די קינדער, און זיי האבן אנגעפאנגען פריילך מיטזינגען די זמירות, להתענג בתנוגים, בא בי בא בי ביי ביי ביי....

דער ראש ישיבה האט זיך אנגערופן צו איינער פון די געסט, לעצטע יאר נאך סוכות אינמיטן צונעמען די סוכה איז מיך בייגעפאלן דיין שידוך. און די נעקסטע טאג האסטו זיך שוין געטראפן מיט דיין כלה! און יעצט ביסטו שוין חתונה געהאט, דארף מען דאך זייער פרייליך זיין! און דער ראש ישיבה האט געזינגען 'דארף מען דאך זייער פרייליך זיין, דארף מען דאך זייער פרייליך זיין...'

### גיין דעם מיטל וועג

אינמיטן איז איינער פון דער ראש ישיבה'ס קינדער געקומען צו לויפן וויינענדיג אז איינער האט אים געטשעפעט. האט דער ראש ישיבה גערופן אלע קינדער נעבן זיך און געפרעגט זייער שטרענג, 'ווער האט געטשעפעט?! מען טאר נישט טשעפענען!' האט זיך איינער פון די געסט אנגערופן אז די קינדער ווייסן נישט צו דאנקבאר זיין אז זיי האבן אזא גוטע שטרענגע טאטע... און ער האט פארציילט אז ביי זיי אינדערהיים האט יעדער געקענט טון וואס מען האט געוואלט. האט זיך א אנדערע אנגערופן אז ביי זיי איז געווען פונקט פארקערט, ביי די סעודה האט יעדער געמוזט זיצן גראד א גאנצן צייט, זיך נישט רוקן, נישט רעדן גארנישט... האט דער ראש ישיבה געזאגט אז ביידע וועגן זענען נישט גוט, מען טאר נישט זיין צו שטרענג און אויך נישט לאזן די קינדער טון וואס מען וויל. מען דארף מאכן א מיטל וועג, די קינדער מעגן זיך גיין שפילן, אבער פון צייט צו צייט דארף מען זיי צוריקרופן צו די טיש.

צוביסלעך האבן אנגעפאנגען ארויפקומען נאך און נאך אנשי שלומינו צו די באטע, און די ראש ישיבה האט ארומגערעדט און געשמועסט פון אסאך שיינע זאכן.

### קינדער איז א ברכה

דער ראש ישיבה האט זיך אנגערופן און געזאגט, 'נאך אונזער חתונה איז געווען דא אין די הויז זייער טונקל. אונז זענען נאך נישט געווען מקורב צו די רבי, און אונז האבן נאכנישט געהאט קיין קינדער, מען האט געוויינט און געוויינט א גאנצן טאג און א גאנצע נאכט...' אבער ברוך השם דער אייבערשטער האט געהאלפן און אונז געגעבן א שיינע משפחה, און איך האף אז דער אייבערשטער וועט מאכן מיט אונז נאך ניסים און אונז געבן נאך קינדער.

מענטשן זאגן אז זיי האבן נישט קיין כח מיט אזויפיל קינדער, אבער די מענטשן וואס האבן נישט קיין קינדער זיי האבן יא כח? מען האט סיי ווי נישט קיין כח, מיט קינדער

אדער אן קינדער... דער ראש ישיבה האט פארציילט אז ער האט א מומע וואס האט געהאט ניינצן קינדער, זי פלעגט אלץ בעטן דעם אייבערשטן אז אויב עס איז איר באשערט זיך צו מוטשענען, זאל איר מוטשע זיין אז זי זאל האבן נאך א קינד. יעצט מאכט זי שוין חתונה די ניינצנטע קינד, זי האט זיך טאקע געמוטשעט, ווען זי פלעגט סערווירן ביי די סעודה און זי האט געענדיגט טיילן די ניינצנטע טעלער פיש האט איר מאן שוין געהאקט אויפן טיש אז מען זאל שוין ברענגען די זופ, אבער יעצט האט זי נחת פון זיי.

דער ראש ישיבה'ס קליינע טאכטער איז אריינגעקומען אין סוכה מיט צולאזטע האר, האט די ראש ישיבה אים שטרענג געזאגט 'נעם צוזאם דיין האר'.

דער ראש ישיבה'ס קליינע טאכטער איז אריינגעקומען אין סוכה מיט צולאזטע האר, האט די ראש ישיבה איר שטרענג געזאגט: "נעם צוזאם דיין האר".

### נאריש מאכן מיט די קינדער

די קליינע בעיבי יחזקאל האט זייער שטארק געוויינט און געוויינט, דער ראש ישיבה האט אים געוואלט מאכן פרייליך האט דער ראש ישיבה גענומען די דעקלעך פון די סעלצער באטלעך און דער ראש ישיבה האט עס געלייגט אויף זיין נאז... און דער ראש ישיבה האט אים געוויזן און געזאגט: "יחזקאל קוק וואס טאטי האט אויף די נאז..." דערנאך האט דער ראש ישיבה געלייגט צוויי דעקלעך אויף די אויגן, און אונטער די גלעזער, ס'איז געווען זייער פאני, די קינדער האבן געלאכט... און יחזקאל האט זיך בארואיגט און ער איז געווארן פארנומען צו קוקן וואס דער ראש ישיבה טוט. דערנאך האט אים דער ראש ישיבה ארויפגעשיקט איין דעקל און ער האט זיך געשפילט מיט דעם און ער האט שוין אינגאנצן פארגעסן אז ער האט פריער געוויינט.

דער ראש ישיבה האט זיך נאכדעם אנגערופן צו איינער פון די בחורים, יעצט ביסטו א בחור אין ישיבה קענסטו זיין ערנסט אבער ווען מען האט קינדער דארף מען זיך נאריש מאכן, מען דארף מאכן פרייליך, מען דארף מאכן פאן ביי די שבת'דיגע סעודה.

> מענטשן זאגן אז זיי האבן נישט קיין כח מיט אזויפיל קינדער, אבער די מענטשן וואס האבן נישט קיין קינדער זיי האבן יא כח? מען האט סיי ווי נישט קיין כח, מיט קינדער אדער אן קינדער...

דער ראש ישיבה האט דערציילט וועגן זיין טאטע, קארלסבורגער רב שליט"א, ער זיצט און לערנט פון צופרי ביז ביינאכט, אבער ווען ס'איז געקומען שבת ביי די סעודה פלעגט ער קריכן אויפן פלאר מיט די קינדער, דער ראש ישיבה האט ארויסגעברענגט די וויכטיגקייט פון מאכן פרייליך שבת ביי די סעודה.

ס'איז געווען דארט מענטשן וואס קענען נאר ענגליש האט דער ראש ישיבה עס אויך געזאגט פאר זיי אין ענגליש,

my father is a big rabbi, he sits and learns the whole day. from 6:00 in the morning till 3:00 he doesn't eat anything he just learns and learns. But Shabbos by the sueda, he used to crawl on the floor with us.

### נישט שלאגן א מאמע

דער ראש ישיבה האט דערציילט אז ווען יחזקאל איז געבוירן האט זיין ווייב אים געפרעגט וועלכע נאמען ער וויל געבן פארן קינד האט ער געזאגט אז ער וויל געבן יחזקאל, האט זי געזאגט אבער דיין זיידע לעבט נאך... און טאקע דער זיידע איז אוועק נאך פאר די ברית און מען האט אים געגעבן א נאמען יחזקאל. דער ראש ישיבה האט גערעדט פון דעם אז ווען א קינד ווערט געבוירן באקומען די עלטערן א געפיל וועלכע נאמען צו געבן, אזוי ווי א רוח הקודש.

און דער ראש ישיבה האט געזאגט מיט א שמייכל אז די בעיבי יחזקאל רוטה איז אזוי ווי זיין זיידע, די זיידע פלעגט בלייבן אויף א גאנצע נאכט צו לערנען, און ער שלאפט אויך נישט ביינאכט...

דער ראש ישיבה'ס ווייב האט געהאלטן די קליינע בעיבי יחזקאל און ער האט איר געפאטשט. האט דער ראש ישיבה אים געזאגט שטרענג: "יחזקאל מען טאר נישט שלאגן א מאמע!" דער ראש ישיבה האט געמאכט שטרענגע אויגן ביז ער האט אויפגעהערט.

דערנאך האט דער ראש ישיבה געפרעגט: "ווער ווייסט



"וועלכע סכך איז כשר פאר די סוכה?" און דער ראש ישיבה האט ארומגערעדט פון דעם אז די סכך מאכט מען פון אפפאל פון תבואה, פון די שמוץ וואס מען ווארפט אוועק, און דער ראש ישיבה האט ארויסגעברענגט אז מען קען זיך מורא'דיג לערנען פון דעם אז אפילו א מענטש פילט זיך ווי א גארנישט, ווי א שטיק גארבידש, קען מען אבער פון די אפפאל מאכן א שיינע סוכה, אפילו א מענטש פילט זיך ווי א גארנישט האט ער אויך גוטע זאכן אין זיך.

**אויף די צוויי צדיקים איז געבויט די קהילה**

איך האב באמערקט אז אין דער ראש ישיבה'ס סוכה הענגט צוויי גרויסע בילדער, איינס פון סאטמאר רבי, און איינס פון מוהרא"ש. און דער ראש ישיבה האט טאקע גערעדט פון דעם אז אויף די צוויי צדיקים איז געבויט די קהילה, די מוסדות.

**זיך פירן מיט תמימות**

צוביסלעך זענען ארויפגעקומען מער און מער מענטשן צו די באטע, צווישן זיי ר' דוד ווילדי. האט דער ראש ישיבה זיך אנגערופן, איך האב זייער ליב ר' דוד פאר צוויי סיבות. איינס ווייל דו ביסט זייער פריילך, דו ביסט א פרייליכע מענטש. האט ער זיך אנגערופן ווודאי בין איך פריילך, ווייל איך בין מקורב צו די רבי'. האט דער ראש ישיבה געזאגט, יא, אבער קוק דיך ארום די אלע מענטשן דא זענען מקורב צום רבי'ן און נישט יעדער איז אזוי פריילך ווי דיך... און די צווייטע סיבה איז ווייל דו ביסט תמימות'דיג.

דער ראש ישיבה געזוכט א גוטע ווארט ווי אזוי צו איבערטייטשן 'תמימות' אויף ענגליש, אבער מען האט נישט געקענט טרעפן די ריכטיגע ווארט. ביז ער האט פארשטאנען און ער האט געפרעגט, אזוי ווי די תם פון סיפורי מעשיות? האט דער ראש ישיבה געזאגט ס'איז דא אסאך לעוועלס אין זיין ווי די תם, און דער ראש ישיבה האט אסאך גערעדט פון דעם אז די עיקר איז זיך צו פירן מיט תמימות.

דערנאך האט דער ראש ישיבה געזאגט אז יעדער זאל זאגן עפעס א גוטע זאך פון יוסף הצדיק, וואס היינט איז זיין אושפיזין. איינער האט געזאגט דאס אז ער איז געווען פרייליך אין תפיסה, איינער האט גערעדט פון דעם אז ווען יוסף האט געארבעט ביי פוטיפר האט זיך זיינע ליפן א גאנצן צייט געשאקלט, ער האט א גאנצן צייט גערעדט צום אייבערשטן, און אזוי ווייטער האט מען גערעדט נאך אסאך שיינע זאכן וועגן יוסף הצדיק.

נאכדעם האט דער ראש ישיבה גערעדט איבער די הושענות פון שבת וואס מען זאגט דארט אינצווישן 'הושענא יושבת וממתנת עד כלות שבת' מען בעט דעם אייבערשטן זאל אונז העלפן אין זכות פון אידן וואס ווארטן אז דער שבת זאל זיך ענדיגן. אלע פרעגן, וואס הייסט זיי ווארטן עס זאל שוין ווערן מוצאי שבת, זיי האבן נישט ליב שבת? האט דער ראש ישיבה געזאגט אז דער תירוץ איז פשוט, א איד וויל רייכערן, ער וויל אנצינדן די עירקאנדישן, אבער יעצט איז שבת, ער ווארט אז ס'זאל ווערן מוצאי שבת און דעמאלטס וועט ער טון אלע מלאכות.

> דער ראש ישיבה האט פארציילט אז מענטשן וואס פלעגן נישט רעדן מיט אים יארן אבער יעצט הערן זיי אז עס בויט זיך א שטעטל, עס איז דא געלט, ווילן זיי רעדן מיט אים...

**ווער איז רייך?**

שפעטער האט מען געשמועסט וועגן געלט, דער ראש ישיבה האט פארציילט אז מענטשן וואס פלעגן נישט רעדן מיט אים יארן אבער יעצט הערן זיי אז עס בויט זיך א שטעטל, עס איז דא געלט, ווילן זיי רעדן מיט דער ראש ישיבה. האט דער ראש ישיבה גערעדט פון דעם אז ווער איז רייך? איינער וואס לערנט תורה, איינער וואס האט שלום בית, איינער וואס שלינגט אראפ ווען איינער זאגט אים א שלעכט ווארט, אזא איינער איז רייך.

שפעטער האט דער ראש ישיבה אויך גערעדט וועגן די מנהגים ביים צינדן לעכט, אז מען פירט זיך צו צינדן פיר לעכט אנטקעגן די פיר אותיות פון דעם אייבערשטן'ס נאמען און מיט יעדע קינד לייגט מען צו נאך א לעכט, און אויך צינדט מען צוויי אויל לעכט פאר זכור און שמור. אבער יום טוב דארף מען נישט צינדן קיין אויל לעכט.

שכח אייבערשטער אז איך האב זוכה געווען מיטצוהאלטן אזא הערליכע סעודה ביים ראש ישיבה שליט"א, איך האף אז אלע לייענער וועלן שטארק הנאה פון דעם און ארויסנעמען פון דעם שטארקע חיזוק אויף לעובדא ולמעשה.

# נקודות טובות

## געהערט פון אנשי שלומינו

### בליצן און נאטיצן אויפן לעבן צו ניצן

#### גדליה בעלער - בני ברק:

געבט איבער וואס מען האט גערעדט אין בית המדרש היכל הקודש אין בני ברק:

א געוואלדיגע חיזוק וואס מען זעט אין פרשת בראשית ווען דער אייבערשטער האט געמאכט אלע גראז אלעס איז געווען גרייט, נאר מען האט געווארט אז אדם דער מענטש זאל בעטן, און אזוי ווי ער האט געבעטן האט אנגעהויבן ארויסצושפראצן די אלע גראז און פירות פון דער ערד.

די זעלבע זאך א מענטש דארף זיך גוט איינ'חזר'ן מיין ישועה ליגט שוין דא גרייט, דער אייבערשטער ווארט נאר אז איך זאל אין בעטן.

נאך האט ר' גדליה צוגעלייגט אז דער פסוק הייבט זיך אן **וכל שיח השדה טרם יהיה בארץ**, עס איז נאכנישט געווען דער "שיח השדה" עס איז נאכנישט געווען קיינער וואס זאל מאכן 'התבודדות' וועגן דעם איז נאך נישט געווען קיין ישועות.

#### מו"ה יחיאל זילבער הי"ו - ארץ ישראל:

זאגט א זיסע ווארט, מען זעט ווען ביי די חטא פון עץ הדעת, חוה האט געטון צוויי עבירות זי האט געגעסן און געגעבן פאר איר מאן, אבער ביי די שטראף זעט מען אז איר האט דער אייבערשטער געזאגט דו וועסט האבן שווער קינדער, אבער מען זעט נישט אז דער אייבערשטער זאל איר זאגן מוסר אזוי ווי ער האט געזאגט פאר אדם און פאר די שלאנג, ווי דער אייבערשטער האט געזאגט: ווייל דו האסט געגעסן פון די עץ הדעת וועגן דעם וועסטו דארפן שווער ארבעטן פאר פרנסה, און אזוי אויך דער שלאנג ווייל דו האסט צוגערעדט חוה צו עסן וועגן דעם וועסטו עסן זאמד און נישט האבן קיין פיס.

דער אייבערשטער האט באשולדיגט אדם, אבער חוה האט דער אייבערשטער נישט באשולדיגט. דאס איז א מורא'דיגע לימוד וואס עס קומט ארויס לויט ווי מוהרא"ש און דער ראש ישיבה לערנען אונז ווי אזוי מען דארף רעדן צו א ווייב, דער אייבערשטער האט געוואלט אויסלערנען פאר אדם הראשון ווי אזוי מען רעדט צו א ווייב, נישט קיין חילוק וואס דיין ווייב האט געטון, אפילו זי האט געטון די ערגסטע זאך, זי האט געברענגט טויט אויף די וועלט, מיט דעם אלעם רעד צו איר ווייך, רעד צו איר מיט רעספעקט, קיינמאל קיינמאל באשולדיג איר נישט, קיינמאל זאלסטו איר נישט זאגן: "ווייל דו האסט געטון אזוי, וועגן דעם..." דו קענסט סתם רעדן שיין און ווייך, אפילו אין א צייט וואס זי האט באמת פארדארבן, דארף מען אבער אלעמאל זיין געווארענט נאר זאגן וואס עס קען ארויסקומען נישט גוט פון די וועג וכדומה.

און מען זעט טאקע אז אדם הראשון האט זיך אזוי געפירט, ער האט נישט געשריגן אויף איר פארוואס האסטו דאס געטון, נאר פונקט פארקערט ער האט איר אנגעהויבן אויסצורימען, פאר דעם האט ער איר נישט גערופן חוה, (רש"י שטעלט זיך טאקע אויף דעם) דא האט ער איר געזאגט, דו ביסט חוה, דו ביסט די מאמע פון אלע מענטשן אין די וועלט, אפילו אין די צייט וואס זי האט אים אריינגעלייגט און די גאנצע וועלט אין אזא שרעקליכע צרה, מיט דעם אלעם האט ער איר נישט פארשעמט און פארגעהאלטן, נאר דייקא דעמאלטס איר באגאסן מיט חיזוק.

#### דוד ראבינאוויטש - קרית ברסלב:

געבט איבער וואס דער דיין שליט"א האט גערעדט די וואך (פרשת לך לך) ביי שלוש סעודות, מען זעט רש"י זאגט אז לוט האט אויסגעקוקט פונקט ווי אברהם, לויט ווי מוהרא"ש פלעגט אונז אלעמאל ווארענען אז מען זאל נישט מיינען אז א צדיק קען מען דערקענען פון אינדרויסן, לוט איז געגאנגען מיט די גאנצע טראגע, שטריימל, בעקיטשע, פעפיטע הויזן, דיקע ברילן אלעס פונקט ווי אברהם, און אברהם זיין גאנצע מח מחשבה איז געווען ביים אייבערשטן און לוט איז געווען א שמוץ, א שיכור.

# קלאסיפייד'ס

ברסלב

שטיצט ברסלב

## דירות אין שטעטל פאר שבתים

מנחם שטיינבערג – 347-461-2244

יעקב יאקאבאוויטש – 347-641-3618

יואל וועבערמאן – 845-662-8423

יצחק אייזיק ראטה – 347-668-6122

אברהם הערש וועבערמאן – 845-492-0566

ראובן בירנבוים – 347-549-5625




מודעה חשובה פאר אנשי שלומינו שיחיו מכון עצתו אמונה זוכט אויפצוגעמען מגיהים, שרייבערס און טייפערס לזיכוי הרבים, וואלענטיר ארבעט, צו העלפן פארשפרייטן דעם רבינ'ס עצות אויף די וועלט.

אויב האט איר א געפיל צו דער סארט ארבעט און טוט אין דעם, ביטע שיקט אייער אינפארמאציע

און א דוגמא פון אן ארבעט וואס איר האט שוין געמאכט, צום אימעיל אדרעסס

menahelmae@gmail.com




א דירה אין שטעטל צו פארדינגען פאר א שבת אדער פאר א קורצע צייט, אין די טווין ברידזש געגענט, נאנט צום בית המדרש עצתו אמונה.

אויך שטעלן מיר צו סעודות שבת קודש.

רופט לייבי ראטה
347-578-4449

*Lilac Electrolysis located in Monticello all year round.*

*For appointment or info call faigy*

*845-422-5783*

# קלאסיפייד

## KB Seamstress

**Professional Finish    Best Prices**

*Have your job done in 1 week*

*Special expedite service! have your job done in 2 business days for double price*

*All prices are given after job is done*

*Drop off your bag at my door any time with your name, phone number and information I need to know*

*For your convenience we sell basic sewing supplies and accessories for school and home use*

Fabric scissors, small scissors, pins, hand needles, tape measure, triangle chalk, bobbins, permanent marker, clear measure stick, seam ripper, tracing paper, tracing wheel, magnet tray, basic colors thread, zippers, shirt buttons, bekisha buttons, hook & eyes, snaps, rubber; clear shoe box containers.

Looking forward to serve you

Mrs. Weberman - 136 Hsuchke Rd - 845-662-4083

---

SHUTTLE ROUTES AS FOLLOWS

Sunday to Thursday

**10:00 10:45 11:30 12:15 1:00 1:45 2:30.**

Friday is closed.

Bez"h will be punching cards available $40 adult $30 child. We also accept cash or credit card.

Memberships will no longer run.

*order by texting the shuttle line 845–206–9114 your name, address, destination and route.

*for questions feel free to contact the manager 845–720–0847

*we go local in Shtetl and to Cheder!

Thank you for using the shuttle!

---

**איך ווילט אוודאי האבן א חלק אין הפצה, צושפרייטן דעם הייליגן רבינ'ס עצות פאר די גאנצע וועלט.**

**איך קענט אויך האבן א חלק אין דעם דורך דעם וואס איר העלפט אונז ארויס צושפרייטן די גליונות אין אלע היימישע געגענטער.**

**די זכות איז גאר גרויס.**

**צו נעמען א חלק ביטע רופט יענקי פיש**

**917–474–6118**

# פריילעכע
# נייעס!

איר קענט באקומען דעם שטארק
אויפגעכאפטע וועכנטליכע

קרית ברסלב בגעל




יעדע וואך
ביי אייער
טיר

פאר בלויז
$3.99

תוכנ׳דיג און
ציענדיג

וואס איר וועט נישט
טרעפן אין ערגעץ

אדרבה איבערצייגט
אייך אליין

צו סובסקרייבן רופט יעצט אריין
אדער שיקט א טעקסט צו:

718·387·2691

SUBSCRIBE@KERENHADFUSA.ORG

282 · DESIGN | 845.406.4250




## אַ מְחַיֶּה פֵּאוֹת!

טַייעֶרע קִינְדֶער, דִי וָואךְ וֶועלְן מִיר דֶערְצֵיילְן פוּנֶעם גְרוֹיסֶע צַדִיק רֶבִּי יִשְׂרָאֵל הֵיילְפְּרִין זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה; מִיר רוּפְן אִים רֶבִּי יִשְׂרָאֵל קַארְדוּנֶער וַוייל עֶר שְׁטַאמְט פוּן אַ שְׁטָאט קַארְדוּן, אַ שְׁטֶעטְל אִין פּוֹילְן.

דֶער רֶבִּי יִשְׂרָאֵל קַארְדוּנֶער זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה אִיז אַרוֹיפְגֶעגַאנְגֶען קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אוּן דָארְט חֲתוּנָה גֶעהַאט מִיט זַיין וַוייבּ גִיטְל עָלֶיהָ הַשָּׁלוֹם. עֶר הָאט גֶעוואוֹינְט אִין דִי שְׁטָאט טְבֶרְיָ', דָארְט הָאט עֶר גֶעדִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. עֶר פְלֶעגְט גֵיין קַיין מִירוֹן, עֶר אִיז גֶעזִיצְן אִין דִי מְעָרָה פוּן רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחַאי טָאג אוּן נַאכְט, דָארְט הָאט עֶר זִיךְ מִתְבּוֹדֵד גֶעוֶועזְן אוּן גֶעלֶערְנְט זַיינֶע שִׁיעוּרִים.

לֵיידֶער אִיז עֶר גֶעוָוארְן זֵייעֶר נִישְׁט גֶעזוּנְט, דֶעמָאלְט הָאט אוֹיסְגֶעבְּרָאכְן אַ שְׁרֶעקְלִיכֶע מַגֵיפָה, כָאלֶערֶע; זֵייעֶר אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן זֶענֶען גֶעשְׁטָארְבְּן דֶעמָאלְט. זַיינֶע צְוֵויי קִינְדֶער מָרְדְכַי אוּן אֶסְתֵּר זֶענֶען קְרַאנְק גֶעוָוארְן אוּן זֵיי זֶענֶען נֶעבֶּעךְ גֶעשְׁטָארְבְּן, אוֹיךְ זַיין וַוייבּ גִיטְל אִיז זֵייעֶר קְרַאנְק גֶעוָוארְן, עֶר הָאט אָבֶּער זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז זִי זָאל וֶוערְן גֶעזוּנְט אוּן זִי אִיז טַאקֶע גֶעזוּנְט גֶעוָוארְן.

נָאכְדֶעם אִיז רֶבִּי יִשְׂרָאֵל קְרַאנְק גֶעוָוארְן מִיט דִי מַחְלָה חוֹלִירַע; עֶר הָאט גֶעדַארְפְט לִיגְן אִין אַ לֵיידִיגֶע צִימֶער, קֵיינֶער הָאט נִישְׁט גֶעטָארְט דָארְט אַרַיינְגֵיין; עֶר פְלֶעגְט רֶעדְן מִיט זַיין וַוייבּ דוּרְךְ אַ קְלֵיינֶע פֶענְסְטֶער. זִי הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט: "יִשְׂרָאֵל, וָואס מַאכְסְטוּ? יִשְׂרָאֵל וִוי אַזוֹי שְׁפִּירְסְטוּ זִיךְ?" הָאט עֶר אִיר גֶעעֶנְטְפֶערְט: "אִיךְ בִּין נִישְׁט דֶערְשְׁרָאקְן פוּן שְׁטַארְבְּן, אִיךְ הָאבּ אַ בָּארְד אוּן פֵּאוֹת, אִיךְ דַאנְק גָאט אַז מַיין נְשָׁמָה גֵייט אַרוֹיס פוּן מִיר מִיט מַיין בָּארְד אוּן פֵּאוֹת".

אַזוֹי הָאט דֶער צַדִיק צוּרִיקְגֶעגֶעבְּן זַיין נְשָׁמָה צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; מֶען הָאט אִים בַּאעֶרְדִיגְט אִין דִי שְׁטָאט טְבֶרְיָ'.



שְׁכּוֹחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיךְ וֶוער נִפְטָר מִיט מַיין בָּארְד אוּן פֵּאוֹת

טַייעֶרֶע קִינְדֶער, מִיר לֶערְנֶען פוּן דִי מַעֲשֶׂה וִוי שְׁטַארְק מֶען דַארְף זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט בָּארְד אוּן פֵּאוֹת; מִיר דַארְפְן טַאנְצְן פַאר שִׂמְחָה אַז מִיר הָאבְּן פֵּאוֹת, אוּן וֶוען מִיר וֶועלְן וֶוערְן עֶלְטֶער וֶועלְן מִיר אוֹיךְ הָאבְּן אַ הֵיילִיגֶע בָּארְד; מִיר וֶועלְן קֵיינְמָאל נִישְׁט אָפְּשְׁנַיידְן אוּנְזֶערֶע הֵיילִיגֶע פֵּאוֹת אוּן דִי הֵיילִיגֶע בָּארְד.

# מעשה פון תפלה פאר קינדער

רייזל וועבערמאן תחי׳ פון קרית ברסלב פארצײלט:
אין שטעטל האט זיך געדרייט בערן און אויפגעריסן די גארביטשעס.




# נאך וועם הייס איך?

**איך הייס:** אליעזר שלמה הכהן שטראססער - קרית ברסלב

**נאך:** אונזער הייליגער רבי מוהרא"ש זכותו יגן עלינו

## אביסל איבער אים

ווען מוהרא"ש זי"ע איז געווען זעכצן יאה, האט ער געדארפט פארן יעדן טאג מיט די באן פון די בראנקס דארט ווי ער האט געוואוינט, ביז וויליאמסבורג צום צעהלימער ישיבה ווי ער האט געלערנט, ער פלעגט אלעמאל ארויסנעמען א ספר מעשיות פון א צדיק וואס דאס האט ער געליינט אויפן וועג.

איינמאל האט זיך מוהרא"ש זייער געיאגט און ער האט גענומען אין האנט א ספר מיט'ן נאמען 'השתפכות הנפש' ער האט עס אנגעהויבן צו לערנען און ער האט געזען אז די ספר ברענגט אים צו א געוואלדיגע בענקשאפט צום אייבערשטן, ער האט איבערגעלערנט די גאנצע ספר יענעם טאג דריי מאל, דעמאלט האט ער אנגעהויבן מקורב צו ווערן צום הייליגן רבי'ן, דער עיקר וואס ער האט געטון איז אז ער האט אסאך גערעדט צום אייבערשטן אויף זיין אייגענע שפראך, ער איז אויסגעוואקסן זייער א גרויסע צדיק און ער האט צוריקגעברענגט הונדערטער טויזענטער אידן צום אייבערשטן דורך פארשפרייטן דעם הייליגן רבי'נס ספרים

דער אייבערשטער זאל העלפן איך זאל גיין אין זיינע וועגן און אויפוואקסן א גרויסע צדיק און א גרויסע מפיץ.



אויפן בילד: "מוהרא"ש" זי"ע אין קעמפ תשס"ט

# טרעף

## די פאלגנדע ווערטער

**"תודה והודאה", דאנקען און לויבן דעם אייבערשטן אויף יעדע אטעם, אויף יעדע פרט אין לעבן!**

| | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| ח | ח | מ | א | ז | ל | צ | ע | ר | נ | נ | צ | ו | ז | ז | א | ו | ש | י | ל | י | י | צ |
| י | י | ח | ש | א | א | ו | י | פ | ק | ב | ג | ד | ו | ס | ו | ס | ש | כ | ש | י | ל | פ |
| מ | נ | ש | צ | ע | מ | מ | ר | ח | ע | מ | ע | א | ה | כ | י | ק | נ | ל | מ | ע | א | א |
| ל | ז | ז | ע | ד | ע | י | מ | כ | פ | ק | י | ל | ו | ת | פ | ר | ס | כ | כ | ד | ט | מ |
| ז | ק | פ | ש | מ | נ | ו | ס | ל | ג | ל | ת | ו | ד | ה | ש | י | מ | י | ה | ה | ע | ח |
| נ | פ | ע | ט | נ | ר | נ | ק | כ | ג | י | ד | ג | א | ר | ש | ה | ע | ז | ר | ד | מ | ג |
| ת | ט | י | כ | י | פ | ר | נ | ש | ד | ל | ג | כ | ה | פ | ר | ט | ת | ד | נ | א | ו | א |
| ג | ב | ק | מ | ו | נ | ט | י | ע | ק | ב | פ | כ | ר | פ | י | י | ח | ח | ע | נ | ז | ת |
| ה | צ | י | פ | ב | ב | ב | ר | נ | ס | ר | ק | ע | ז | צ | נ | ע | ו | א | ס | ק | י | ש |
| כ | ק | ט | ד | ט | ע | ה | י | פ | ג | ו | י | כ | ק | ד | ע | ח | ר | פ | י | ע | מ | נ |
| ל | ס | ש | ו | ג | מ | מ | ג | ו | ג | ת | ה | ג | פ | ל | ז | א | כ | ק | נ | נ | כ | י |
| א | ל | ס | ל | פ | ו | א | א | ט | ל | ד | ח | י | א | נ | ו | פ | מ | ח | ג | א | י | נ |
| ב | כ | ת | ל | ד | ז | א | י | י | ב | ע | ר | ש | ט | נ | ת | ע | ה | פ | ב | ו | ל | א |







**העלף נחמן נתן אנקומען צו די ש"ס**




## א שיעור מיטן רבי'ן

### אמת

**מַה.** מִי שֶׁמְּקַיֵּם דִּבּוּרוֹ, יָכוֹל לַעֲשׂוֹת פְּעֻלּוֹת.

**טייטש.** וֶוער עֶס הַאלְט אַיין וָואס עֶר זָאגְט, קֶען אוֹיפְטוּן גְרוֹיסֶע זַאכְן.



## חידות אפטיילונג

**דער הייליגער רבי האט געזאגט: פון וועם איך נעם..........**

א. געב איך
ב. באצאל איך
ג. בענטש איך
ד. דאנק איך

*שאלה און ענטפער פון פאריגע וואך:*

**דער הייליגער רבי האט געזאגט:**

*ענטפער:* **צווישן מיר און משיח איז נישט דא קיין חילוק, נאר ביי מיר** איז נאך דא א בחירה **און ביי משיח** נישט

דער געוואונער פון פאריגע וואך איז
**גאלדי בוים תחי' - קרית ברסלב**
שיקט אריין די ענטפערס **מיט אייער נאמען** צו 845-379-1161

# סודאקא

| | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|
| | 5 | | 3 | | |
| | | | | 4 | 1 |
| | | | | | 2 |
| 3 | | | | | |
| 1 | | | 4 | | |
| 5 | | | | | |

| | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| | | 7 | 2 | 8 | 5 | 4 | | |
| | 1 | | 6 | 3 | 4 | | 9 | |
| | 2 | | 9 | | 7 | | 8 | |
| | | | 3 | | 2 | | | |
| 6 | | 1 | 8 | | 9 | 7 | | 2 |
| | 3 | | 7 | | 1 | | 4 | |
| | | 2 | 1 | 7 | 8 | 5 | | |
| | 4 | 6 | | 9 | | 1 | 2 | |
| | 8 | | | | | | 7 | |

# האסטו דורך געלערנט עצתו אמונה ?

## פון אויבן אראפ.

1. מיט תפלה והתבודדות קען מען אלעס _____
2. ווער עס לערנט גמרא איז _____ פאר'ן טאג
3. דער אייבערשטער _____ פאר יעדן איינעם, ער גרייט אן פאר יעדן איינעם אלעס וואס יענער דארף
4. אין שול _____ מען נישט
5. אן _____ האט מען א פנים פון א הונט
7. וואויל איז דעם מענטש וואס איז מכבד זיינע _____, וועט ער זוכה זיין צו די וועלט און יענע וועלט
10. אז דו פארשטייסט נישט קיין לערנען, זאלסטו לערנען אן _____
11. חומש מיט'ן תרגום מיט רש"י ברענגט _____ ברוחניות און גשמיות
13. לאז נישט ביי דיר אין _____ קוקן קיין שום זאך
15. _____ דעם אייבערשטן אויף אלעס וואס איר דארפט
16. נישטא ווער צו _____ זיין
18. אז איר וועט דאנקען דעם אייבערשטן, וועט איר באקומען נאך און נאך _____

## פון רעכטס צו לינקס.

1. עס זאל דיך גארנישט אנגיין, וועסטו זיין _____
6. די עצה פון התבודדות און תפלה, דאס _____ דעם מענטש
8. דורך זאגן _____ וועסטו באקומען א שטארקייט, א זעלבסזיכערקייט צו לעבן מיטן אייבערשטן
9. ווער עס לעבט מיט _____, דער איז גליקליך
12. זיי ביי זיך בטל ומבוטל צום _____
14. קענסט זיך נישט פארשטעלן דאס גרויסקייט פון די מצוה פון _____ _____ _____
17. טון די שטוב ארבעט איז די _____ זאך פאר א אידישע פרוי



### די ענטפערס פון פאריגע וואך



# בילדער

## אפטיילונג









די הייזער אויף טווין ברידש געזען פון דער הייעך




מען בויעט פרישע הייזער ביים טווין ברידזש גאס




מען בויעט פרישע הייזער ביים פארם לאט אויף די רעדקליף גאס




איינס פון די פרישע הייזער אויף די רעדקליף גאס




צווי פרישע יסודות געגאסן אויף די האשקי גאס







דער ראש ישיבה ביים איבערנעמען די צדקה געלט פון
די תלמידי הישיבה




דף גמרא שיעור אין היכל הקודש וויליאמסבורג דורכ'ן
מגיד שיעור הרב אלחנן רוטה שליט"א - ד' לך לך




פרישע USB פון דרשות ווערט געדרוקט אין קרן הדפסה
היכל הקודש קרית ברסלב ליבערטי







דער ראש ישיבה איז זיך משתתף ביי שמחת החתונה פון
החתן ליפא נ"י בן מו"ה שמחה לעווי הי"ו - א' לך לך




שיעור פאר אינגעלייט ליל ששי לך לך תשפ"ג




אין א שמועס מיט די אינגעלייט נאכן שיעור - ליל ששי
לך לך תשפ"ג







הערליכע לייטס אינסטאלירט אין בית המדרש היכל הקודש בלומינגראוו




מען פארדעכט די עירוב אין שטעטל ערב שבת לך לך




הערליכע האלטער פון אלע היכל הקודש גליונות אין היכל הקודש בארא פארק







דער ראש ישיבה אין א שמועס מיט די אינגעלייט פון בית המדרש עצתו אמונה מוצאי שבת לך לך




גליונות ארויסגעלייגט צו נעמען אין מאנטריאל קאנאדא



טעגליכע דף גמרא שיעור אין היכל הקודש בלומינגראוו דורכן מגיד שיעור מו"ה בערל לעוו הי"ו - א' וירא